# לקט שיחות ק' בענין
# קיום מצות "פרו ורבו" ושלילת "תכנון המשפחה"
## שנאמרו בימי שבת ויו"ט
## [כפי שנדפסו ב"שיחות קודש" (באידיש) וב"התוועדויות" (בלה"ק)]

כא. תרגום חפשי מתוך לקוטי שיחות חלק כה ע' 34 ואילך (שיחה ג' לפ' נח)..................................ב
כב. ב' חלקים משיחת ש"פ בהר-בחוקותי ה'תשל"א............................................................ ה
כג. משיחת ש"פ נשא ה'תש"מ. ............................................................................ ז
כד. משיחת ש"פ שלח ה'תש"מ. ..............................................................................יא
כה. ב' חלקים משיחת ש"פ קרח תש"מ.................................................................... יב
כו. ג' חלקים משיחת ש"פ נח ה'תשמ"א.................................................................... יח
כז. משיחת ש"פ וישלח ה'תשמ"א............................................................................ כא
כח. משיחת ש"פ ויקרא תשמ"ג. ............................................................................כב
כט. משיחת ש"פ יתרו ה'תשד"מ..............................................................................כד
ל. משיחת ש"פ צו, פ' זכור, ה'תשד"מ........................................................................ כה
לא. משיחת אחרון של פסח ה'תשד"מ. ...................................................................... כו
לב. משיחת יום שמחת תורה ה'תשמ"ח. .................................................................... כז
לג. משיחת ש"פ שמות ה'תשמ"ט............................................................................. כח
הוספה.......................................................................................................... כט
לד. ממכתב י"ז כסלו, ה'תשי"א............................................................................... כט
לה. ממכתב כ' תשרי, ה'תש"כ ................................................................................ כט

**כא. תרגום חפשי מתוך לקוטי שיחות חלק כה ע' 34 ואילך (שיחה ג' לפ' נח).**
**(נדפס בשערי הלכה ומנהג חלק ד' בתחלתו)**

**א.** ישנם כאלו שעושים חשבונות:

להביא ילדים זו הרי אחריות גדולה, שהרי יש לזונם – הן בגשמיות והן ברוחניות, לחנכם בדרך התורה והמצוות. ומי יודע האם בכחו אכן לגדלם כדבעי, שיגדלו ילדים בריאים, בריאים בגשמיות ובריאים ברוחניות?

ולכן מסקנתם היא: שתחילה עליהם להיות בטוחים במצבם הגשמי והרוחני, ורק לאחר מכן יחשבו, ולאחר מכן אף יקיימו את מצוות "פרו ורבו"!

ועל זה באה ההוראה מנֹחַ – וכדלקמן:

אעפ"י שהקב"ה ציווה לנח "צא מן התיבה אתה ואשתך" – "איש ואשתו כאן התיר להם כו'", בכל זאת מספרת התורה, שבפועל הנה "ויצא נח ובניו ואשתו ונשי בניו"[1] (ולא "איש ואשתו").

וכפי שמסבירים המפרשים[2] (על פי פרש"י[3]) שזהו מכיון ש"הי' נח דואג לעסוק בפרי' ורבי'"[4]. והביאור: נח עשה חשבון, מה תהי' התועלת מכך שיהיו לי ילדים? הרי יתכן ויחזור על עצמו שוב המצב שיחטאו "ויבואו מי המבול וישטפום"[5] – ולפיכך הקדים הקב"ה להבטיחו "שלא לשחת העולם עוד"[4], ורק לאחר מכן ציווהו "פרו ורבו".

ואע"פ שהקב"ה הרי ציווהו "צא מן התיבה אתה ואשתך", ואם כן כיצד יתכן שנח, שהי' "איש צדיק תמים"[6], יעשה ח"ו ההיפך מרצון השם עקב חשבונות כל שהם[7]?

אלא שאין זו קושיא, מכיון שנח סבר שמאמר הקב"ה "צא מן התיבה אתה ואשתך" (איש ואשתו) מהוה רק **היתר**[8] – כדיוק לשון **רש"י** "כאן **התיר** להם" – אבל אין בכך ציווי[9]. לפיכך הוסיף הקב"ה, שהכוונה במאמר זה אינה רק היתר, כי אם ציווי, **שחייב** להיות "פרו ורבו".

**ב.** אלא שעדיין נשאר לא מובן: אמנם הקב"ה הבטיח שיותר לא יביא מבול, אבל אצל נח הי' בודאי העיקר מצבם הרוחני של בניו. אם כן, הרי אם ישנו חשש "פן יוסיפו לחטוא"[10] – הרי שכלל אין מספיק שלא יענישום – בשעה שנשארים הם באותו המצב (הרוחני) כדור המבול!

מכאן נמצינו למדים הוראה ברורה, ש"בהדי כבשי דרחמנא למה לך"[11]! יהודי צריך לעשות את כל התלוי בו[12] – לקיים מצות פרו ורבו ולאחר מכן לחנך את בניו ובנותיו על פי

---

[1] בראשית ח, יח.

[2] גו"א לעיל ז, ז. וראה גם כלי יקר ח, יז.
וכבר האריכו במפרשים בתירוצים שונים (ראה חזקוני, ריב"א, רד"ק ועוד (ח, יח). אלשיך ואוה"ח (שם, יז). פענח רזא (לעיל ו, יח). ולהעיר מחדא"ג מהרש"א לסנהדרין קח, ב ד"ה למשפחותיהם). ואכ"מ.

[3] לקמן ט, ט.

[4] ל' רש"י שם.

[5] כלי יקר הנ"ל. וראה **פרש"י** לעיל (בראשית ד, כד) גבי למך. ולהעיר מפרש"י בראשית (ה, לב) שהקב"ה "כבש את מעיינו (של נח) . . שלא יהא יפת . . ראוי לעונשין.

[4] ל' רש"י שם.

[6] ריש פרשת נח.

[7] להעיר מהפלוגתא בב"ר רפל"ה (וכפי' הס"א שברש"י שם, הובא במת"כ) אם עבר על הציווי או הוסיף יעל הציווי. וראה גם ב"ר פל"ד, ו: ולא קיבל עליו לצאת. – אבל ע"ד הפשט לא הי' נח עובר (בזדון) על ציווי ה'.

[8] ראה אוה"ח שם ט, ז.

[9] והתנהג בפרישות (וקדושה), או כיו"ב – ע"ד המ"ר בב"ר פל"ה שם שהוסיף על הציווי. ולהעיר מהשקו"ט (ראה מפרשי רש"י לקמן ט, ז. ועוד) אם אדה"ר **נצטווה** על פו"ר או שהי' רק ברכה.

[10] ל' הכלי יקר.

[11] ברכות י, א (הובא לקמן בפנים).

[12] כולל ג"כ ההכנה לפני הנישואין, הן ברוחניות (ראה רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ד. הל' ת"ת לאדה"ז רפ"ג), והן בגשמיות (ראה רמב"ם הל' דעות פ"ה הי"א).

הוראות התורה – ולא להימנע מלקיים את ציווי השם מצד חשבונות עצמיים.

חז״ל מספרים[13] בנוגע לחזקיהו המלך, איך שראה ברוח הקודש שממנו יצאו ״בנין דלא מעלו״ ולפיכך לא עסק בפרי׳ ורבי׳, והקב״ה העניש רחמנא-ליצלן, וזאת מכיון ש״בהדי כבשי דרחמנא למה לך, מאי דמפקדת איבעי לך למעבד״!

רואים מכך, שאפילו כאשר יודעים **בבירור** מה שיהי׳ וכו׳ בכל זאת אסור להימנע מלקיים את ציווי ה׳[14]; על אחת כמה וכמה כאשר הדבר הוא לא יותר מאשר **חשש** מצד חשבון עצמי.

ולהוסיף – גם במקרה של חזקיהו נולדו לאחר מכן יאשיהו עליו נאמר[15] ״וכמוהו לא הי׳ לפניו מלך אשר שב אל ה׳ בכל לבבו גו׳ ככל תורת משה ואחריו לא קם כמוהו״, ועוד מלכים צדיקים כיהואחז[16] וצדקיהו[17].

אומרים לו לאדם – אדרבא: קיים את ציווי ה׳ המוטל עליך, בשמחה ובבטחון גמור שהקב״ה בודאי[18] יעזור ויתן הצלחה בהשתדלותך בחינוך הבנים[19] (ובפרט בזכות זו עצמה, שהנך מקיים את ציווי ה׳ ״פרו ורבו״ ללא כל חשבונות).

**ג.** כל הנ״ל מדובר בנוגע לדאגות אודות מצבם הרוחני של הילדים, שזה תלוי בעיקר בהורים, שלהם נתן הקב״ה את המצוה (והזכות) לחנך את בניהם ובנותיהם בדרך התורה והמצוה, ונתן להם את הבחירה החפשית למלא ציווי זה.

אבל כאשר מדובר אודות דאגות של פרנסה גשמית – ועושים חשבונות שמצב הפרנסה אינו מאפשר שיעסקו בפו״ר – מראה הדבר שהוא **מקטני אמנה**[20], ולמטה מזה.

פרנסה אינה תלויה בבחירה העצמית. יהודי אמנם נצטוה ״בכל אשר תעשה״[21] – אבל ה״תעשה״ שלו הוא לא יותר[22] מאשר עשיית כלי לברכת ה׳; השפעת המזון והפרנסה באה **מלמעלה**, וכפי שכל אחד אומר בברכת המזון: ״הזן את העולם כולו בטובו בחן בחסד וברחמים״.

ומכיון שהקב״ה ציווה על יהודי ״פרו ורבו״, הרי שברור שיחד עם כל ילד שנולד[23], נפתח **צינור חדש** לברכת ה׳, להשפעת מזון ופרנסה, (גם) לילד החדש שנולד, ובאופן של ״בטובו בחן בחסד וברחמים״, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.

**ד.** אותו הדבר הוא גם בנוגע לכוחות הנפש: ישנם הטוענים, שאין להם את הכחות, כחות הגוף או כחות הנפש, הנדרשים בכדי לגדל הרבה בנים ובנות, שלשם כך נדרשת יגיעה גדולה, יגיעת נפש ויגיעת בשר.

צריך לדעת, שמכיון שהקב״ה מצוה על כך, ו״אינו מבקש אלא לפי כוחן״[24], הרי שברור שנותן הוא את הכחות הנדרשים בכדי לבצע את ציוויו. אין לערב בזה חשבונות **עצמיים**, אלא

---

13 ברכות שם.

14 להעיר גם מפרש"י בראשית (ד, כה): אתם עשו מצותכם. רש"י ישן שמות ב, א (סוטה יב, א).

15 מלכים ב כג, כה.

16 ראה הוריות יא, סע"ב דממלא מקום אבותיו הי' (וראה פרש"י שם ד"ה יורם ממלא).

17 הוריות שם ובפרש"י. שבת קמט, ב. ובכ"מ.

18 שזהו אמתית ענין הבטחון (ראה כד הקמח ערך בטחון. וראה בארוכה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (באגרות קודש שלו ח"ו ע' שצט). לקוש ח"ג ע' 883 ואילך. שערי אמונה עמ' קלא).

19 להעיר אשר נבואת נביא **אמת לרעה** – בטלה ע"י תפלה וכו' (רמב"ם הל' יסוה"ת פ"י ה"ד. הקדמה לפיה"מ ד"ה והחלק השני בענין הנביא).

20 ל' חז"ל (בנוגע **לפרנסה**) – סוטה מח, סע"ב. ובמכילתא בשלח טז, ד: מחוסר אמנה. וראה ס' חסידים (סתקי"ט) **לעניננו**: לא יחשוב כו' עני אם אבוא כו' שמא תהר ממני ואנה אקח לפרנסה זה ממחוסרי אמנה.

21 ראה טו, יח ובספרי שם.

22 ראה בארוכה ד"ה וידעת תרנ"ז (סה"מ תרנ"ז ע' נז ואילך). **ובכ"מ.**

23 ראה רמב"ם הל' אישות פט"ו הט"ז: אע"פ שקיים אדם מצות פו"ר הרי הוא מצווה מד"ס שלא יבטל מלפרות ולרבות כל זמן שיש בו כח שכל המוסיף נפש אחת בישראל כאילו בנה עולם.

24 במדב"ר פי"ב, ג.

רק לסמוך – ומתוך שמחה (כבכל דבר הקשור לעבודת השם) – על הקב״ה.

מובן שיש מצבים שעל-פי תורה אין צריך להיות התעסקות בפו״ר מחמת טעמים של בריאות וכיו״ב, אבל כפשוט, זה צריך להיות נקבע ע״י רב מורה הוראה בפועל, ולא ע״י חשבונות האדם לעצמו.

אם אכן המצב **האמיתי** הוא, שאין את הכחות הנדרשים לכך, ידאג לכך הקב״ה[25].

כדי שיוולדו ילדים חייבת[26] להיות ברכה מיוחדת מהקב״ה – ״ויברך אותם אלקים . . פרו ורבו גו׳״[27]. שלכן ״יש כמה בני אדם שאינם מולידים גם שכח המוליד ישנו בשלימות״[28].

האמת, האמת הנגלית, היא – שהנהגה כזו של בטחון בהשם, לא רק שאינה גורעת מבריאות האדם, אלא אדרבא, הדרך להשיג מנוחת הנפש **האמיתית**, היא על ידי שמתנהגים כפי סדרי הבריאה שטבע הקב״ה. כאשר מפריעים לסדר הנורמלי שהטביע הקב״ה בחיי המשפחה, רואים במוחש שהדבר גורם לבעיות של ״עצבים״ כו׳, נוסף על העיקר שהדבר מפריע לקשר שבין הבעל לאשתו.

השם שנתנו להנהגה של עשיית חשבונות מתי הוא ״הזמן המתאים״ להביא ילדים, הוא ״תכנון משפחה״ (״פעמילי פלענינג״). המציאות היא, אבל, שהדבר מביא את ההיפך ממש – **היפך** בסדר חיי המשפחה, היפך בנין חיי המשפחה. וכפי שכבר נתגלה (לאלו שאינם מעונינים לרמות את עצמם), שמעולם עוד לא היה דבר שיכניס כל כך בלתי סדר **והיפך הביסוס והחיזוק** ובנין חיי המשפחה, כפי שנעשה ע״י ״תכנון המשפחה״.

**ה.** מצוות ״פרו ורבו״ יש לה שייכות מיוחדת לדורנו זה (דוקא):

הגמרא אומרת[29], שאין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שב(אוצר ששמו) גוף. כלומר, לידתו של עוד ילד יהודי, מקרבת את גאולתם השלימה של כלל ישראל ע״י דוד מלכא משיחא.

ומכיון שנמצאים בדרא דעקבתא דמשיחא (כמדובר כמה פעמים), ומקוים ומתפללים ״את צמח דוד עבדך **מהרה** תצמיח״, ״נאו״ ממש, הרי מובן שצריך לעשות את כל התלוי בו, ש״יכלו כל הנשמות שבגוף״, שזה ימהר את ״בן דוד בא״ בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

---

25 ולהעיר מפרש"י הנ"ל (הערה 5) "כבש את מעיינו".

26 המשך שמח תשמח תרנ"ז ע' 5 (סה"מ תרנ"ז ע' קעז). ד"ה ואתם הדבקים שם.

27 בראשית א, כח. וכן בדגים ועופות (שם, כב).

28 שמח תשמח שם ע' 7 (ספר המאמרים שם ע' קעט). ועד"ז בד"ה ואתם הדבקים שם.

29 יבמות סב, סע"א (ובפרש"י שם). וש"נ.

**כב. ב׳ חלקים משיחת ש״פ בהר-בחוקותי ה׳תשל״א.**

**הנחת הת׳ בלתי מוגה**

די משנה זאָגט ״עשרה נסים נעשו לאבותנו בבית המקדש״, און ער רעכנט דערנאָך אויס אַלע צען נסים; אָבער עס איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק דער סדר שבזה: בכלל קען דאָך זיין דער סדר אויף צוויי אופנים, אָדער ער זאָל אָנהייבן רעכענען די נסים וואָס זיינען מער ברגילות, אָדער אָט די נסים וואָס זיינען מער חשוב, אָבער אין דער משנה איז דער סדר לגמרי ניט מובן ...

...וואָס רעכנט מען אַלס דעם ערשטן נס, ד.ה. וואָס איז געווען דער גרעסטער נס? – ״לא הפילה אשה מריח בשר הקדש״, אַז עס האָט קיין מאָל ניט געטראָפן אַ פאַל אַז הפילה אשה צוליב דעם ריח פון בשר הקדש: דאָס איז אַ נס וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן אשה דוקא, און דוקא מיט אַ נשואה, און דוקא מיט אַ מעוברת, און דוקא מיט אַזאַ וואָס איז געווען אין ירושלים, ובקירוב מקום; און אעפ״כ רעכנט דאָס די משנה אַלס דעם ערשטן נס!

מ׳קען ניט זאָגן אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דאָס איז אַן ענין פון פיקוח נפשות, וואָרום ס׳איז דאָך פאַראַן דער נס פון ״לא הזיק נחש ועקרב בירושלים״, וואָס איז אויך פקו״נ: בנוגע אַ נחש איז דער דין אַז ״נחש כרוך על עקבו לא יפסיק״ אין מיט׳ן שמו״ע ווייל עס איז ניט קיין סכנה, אָבער אויב אַן עקרב איז כרוך על עקבו יפסיק, ווייל עקרב איז אַ סכנה (שו״ע אדמוה״ז סי׳ קד ס״ב), און דאָ זאָגט מען אַז ניט נאָר אַ נחש ״לא הזיק״, נאָר אַן עקרב אויך ניט, איז דאָך דאָס אויך פיקוח נפשות, און אעפ״כ רעכנט עס ניט די משנה אַלס דעם ערשטן נס; איז דערפון פאַרשטאַנדיק אַז דאָס וואָס מ׳רעכנט ״לא הפילה אשה מריח בשר הקדש״ אַלס דעם ערשטן נס, איז דאָס ניט מצד פיקוח נפש, נאָר דערפאַר וואָס דאָס איז טאַקע דער גרעסטער נס – אע״פ וואָס דאָס איז נוגע נאָר צו אַן אשה, און ס׳איז אויך ניט קיין נס בנוגע די אשה אַליין, נאָר דער נס איז אַז דאָס האָט ניט געשאַט דעם **עובר**, און אעפ״כ איז דאָס דער ערשטער נס.

דערפון האָט מען אַרויס אַ מורא׳דיקע הוראה: פון דעם זעט מען די מעלה פון אַ אידיש קינד, און אפילו פון אַ קינד וואָס איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן, אַן עובר, וואָס דערפאַר איז דאָס דער גרעסטער נס.

ווי מ׳האָט גערעדט אמאָל בארוכה אַז דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן אַן ענין פון קדושה, וועגן בשר הקדש, וואָס במילא וואָס מער זי איז געווען אַ צדקנית, וואָס מער זי האָט זיך געקאָכט אין פרומקייט, אין אלקות, האָט זי אַלץ מער געוואָלט עסן פון בשר הקדש,

[און דאָס וואָס זי האָט דאָס ניט געקענט עסן איז ניט געווען דערפאַר וואָס די תורה האָט גע׳אסר׳ט אַז זי טאָר דאָס ניט עסן, נאָר בלויז מצד זייטיקע סיבות, ע״ד ווי דאָס האָט ניט באַלאַנגט צו איר, עס איז געווען אַ צווייטנ׳ס, איסור גזילה וכיו״ב – אָבער בעצם מעג זי עסן בשר הקדש];

און דאָס איז דער אויפטו, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דאָס איז בשר **הקדש**, וואָס במילא וויל זי דאָס שטאַרק, אעפ״כ איז געווען דער נס אַז ״לא הפילה אשה מריח בשר הקדש״; דאָס וואָס אַן ענין פון טבע האָט איר ניט געשאַט, דאָס איז ניט קיין אויפטו; מאי קמ״ל אַז אַן ענין טבעי האָט ניט קיין שליטה אויף אַ איד, טבע קען ניט שאַטן אַ אידן, אָבער דאָ איז געווען דער אויפטו ״לא הפילה אשה מריח בשר **הקדש**״, אַז אפילו אַן ענין פון בשר הקדש, קדושה, האָט אויך ניט געשאַט, אַ אידיש קינד, וואָס דאָס איז דער גרעסטער נס און דאָס רעכנט מען פאַר אַלע אַנדערע נסים.

און דאָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט היינטיקע צייטן, וואָס איצטער האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענין וואָס מ׳רופט אַן ״ליבערישאַן״ פון ״וואומענהוד״, אַז מ׳דאַרף באַפרייען די פרויען, מיט די הסברה בזה אַז די פרויען ווילן נאָכמאַכן די מענער,

[וואָס דאָס אַליין איז שוין אַן ענין וואָס האָט קיין הבנה ניט: אויב די פרויען ווילן באַפרייט ווערן, דאַרפן זיי ניט נאָכמאַכן די מענער, דאַרפן זיי זיין אָט דאָס וואָס **זיי** זיינען, אָבער עכ״פ אזוי וויל מען מאַכן],

אויב אַ מאַן דאַרף לייפן אויף ״וואל סטריט״, ווילן די פרויען אויך לייפן אויף ״וואָל סטריט״; אַ מאַן האָט ניט קיין מנוחת הנפש, ווילן די פרויען אויך ניט האָבן קיין מנוחת

הנפש; אַ מאַן האָט ניט קיין צייט אָפּגעבן זיך מיט חינוך פון די קינדער, ווילן די פרויען אויך ניט אָפּגעבן זיך מיט חינוך פון די קינדער; אַ מאַן האָט ניט קיין צער ההריון והלידה, ווילן די פרויען אויך ניט האָבן צער ההריון והלידה; ובפרט אויב זי קען לערנען ווייס זי אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַן עונש, טענה'ט זי: פאַרוואָס דאַרף זי האָבן צו טאָן מיט אַן ענין פון עונש?!

אָבער באמת דער עונש איז בלויז דער צער, אָבער דער עצם ענין פון האָבן קינדער, איז די גרעסטע ברכה וואָס קען נאָר זיין, דאָס איז די גרעסטע ברכה וואָס דער אויבערשטער גיט אַז מ'זאָל קענען האָבן קינדער; און דאָס דאַרף זיין די ערשטע זאַך, עס זאָל צוקומען נאָך אַ אידיש קינד.

אע"פ אַז זי קען דאָך מאַכן אַ חשבון אין קדושה, אַז אזוי וועט זי קענען האָבן מער געלט אויף צדקה, און דער מאַן וועט קענען קויפן אַ ש"ס, אָדער עי"ז וועט ער האָבן מער צייט צו לערנען וכו', און זי וועט קענען האָבן מער צייט אויף העלפן אַ צווייטן איד – זאָגט די משנה ניין! "לא הפילה אשה מריח בשר הקדש", אַז בשר הקדש קען ניט שאַטן אַ אידיש קינד; ולאידך גיסא: עס קען אפילו זיין בשר הקדש, אָבער אויב דאָס וועט שאַטן צו אַ אידיש קינד – טויג דאָס ניט, וואָס דאָס איז די ערשטע זאַך וואָס די משנה באַוואָרנט, מען זאָל זען אַז עס זאָל צוקומען אַ אידיש קינד.

דאס איז דאָך די ערשטע מצוה אין דער תורה, "פרו ורבו ומלאו את הארץ" – נאָך פאַר "אנכי ה' אלקיך", וואָס סדר אין תורה איז אויך תורה, איז די ערשטע פון אַלע תרי"ג מצות איז די מצוה פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה"; דער שיעור למטה איז עכ"פ צוויי קינדער, זכר ונקבה, אָבער בנוגע דעם שיעור למעלה שטייט "**ומלאו** את הארץ וכבשוה", אַז אויב נאָר עס איז דאָ אַן ארט בארץ וואָס מ'האָט נאָך ניט ממלא געווען, איז דאָ דער ענין פון "פרו ורבו" ביז "וכבשוה".

האָט מען דאָ די הוראה פון דער משנה, אַז די ערשטע זאַך דאַרף מען זען עס זאָל צוקומען אַ אידיש קינד, און עס טאָר אויף דעם ניט זיין קיין מניעה: אויב מצד בריאות איז דאָ אַ ספק, דאַרף מען פרעגן ביי אַ רב און הערען דעת תורה בזה און טאָן כדעת תורה, אָבער חוץ פון דעם טאָר ניט זיין קיין מניעות אין דעם, און אפילו מצד דוחק אין פרנסה.

און די אַלע חשבונות וואָס מ'מאַכט אַז עי"ז וועט פעלן אין אַנדערע זאַכן, אין ענינים של קדושה, האָט מען אויף דעם די הבטחה אַז "לא הפילה אשה מריח בשר הקדש", אַז אויב נאָר דאָס איז אַן ענין פון בשר הקדש, איז "לא הפילה", וועט דאָס ניט פעלן, נאָר מ'וועט האָבן אַלע ענינים בשלימותם, ביז אַז צוליב דעם מאַכט דער אויבערשטער די גרעסטע נסים, אַז ס'זאָל קיינעם ניט שאַטן אפילו ניט אַן עובר נאָך פאַר דעם וואָס ער ווערט געבאָרן, און מ'ווייס נאָך ניט וואָס ער וועט זיין, אַ צדיק אָדער פאַרקערט וואָרום "צדיק ורשע לא קאמר", אעפ"כ וויבאַלד אַז ער וועט געבאָרן ווערן פון אַ אידיש'ע מוטער איז זיכער אַז עס וועט צוקומען נאָך אַ איד אין וועלט, דערפאַר מאַכט דער אויבערשטער די גרעסטע נסים, ועאכו"כ פאַר דעם וואָס איז שוין געבאָרן געוואָרן און ער איז שוין אַ געזונטער. **(חסר הסיום).**

**כג. משיחת ש״פ נשא ה׳תש״מ.**

**הנחת הת׳ בלתי מוגה**

**א.** פון דעם פסוק האָט מען אַ לימוד מיוחד וועגן אַ דבר המצער בדורנו זה:

בפשטות מיינט ״ואם לא נטמאה האשה וטהורה היא ונקתה ונזרעה זרע״ – אַז ״ונקתה״ – זי וועט ריין ווערן פון די ״מים המאררים״ וואָס מ׳האָט איר געגעבן טרינקען, און ״ונזרעה זרע״ – זי וועט האָבן קינדער.

ולכאורה: אין וואָס באַשטייט די ברכה ״ונזרעה זרע״ אויב דאָס איז אַ פרוי וואָס האָט שוין קינדער?

איז דאָס לכתחלה קיין קשיא ניט – וואָרום ס׳איז מובן בפשטות, אויך צו אַ בן חמש למקרא, אַז אפילו אויב מ׳האָט אַ קינד, אָדער מערערע קינדער, איז דאָס אַ ברכה נוספת בשעת עס ווערט געבאָרן נאָך אַ קינד.

ווי מ׳געפינט דאָס באַ לאה, אַז אפילו ווען זי האָט געבאָרן איין קינד, און נאָך אַ קינד וכו׳, איז ביי איר געווען אַ ברכה נוספת ווען זי האָט געבאָרן נאָך קינדער,

ועד״ז אין נאָך פאלן אין דער תורה, נוסף לזה וואָס דאָס איז מובן בפשטות, כנ״ל.

**ב.** וואָס דאָס איז לא כדעת הטועים והטועות (מיט אַ טי״ת), התועים והתועות (מיט אַ תי״ו) וואָס זיינען שמים חושך לאור ואור לחושך, און זיי מיינען אַז זיי וועלן באַלייכטן זייער לעבן דורך דערויף וואָס זיי וועלן ניט האָבן קיין קינדער רח״ל, אָדער האָבן ווייניק קינדער,

און אַנדערע האָבן גאָר רחמנות אויפן אויבערשטן, און זיי ווילן אים פאַרשפּאָרן – אַז אַזוי ווי דער אויבערשטער איז ״הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים״, איז דאָך אים געגוג שווער צו געפינען מזון פאַר דער איש ואשה – וואָס דאַרף מען אים געבן מער ארבעט, אַז ער זאָל אויך דאַרפן געפינען מזון פאַר בנים ובנות?!

ער גלויבט אין דעם אויבערשטן, וואָרום ער איז אַ ״מאמין בן מאמין״, און זי גלויבט אין דעם אויבערשטן, וואָרום זי איז אַ ״מאמינה בת מאמינה״, בת שרה רבקה רחל ולאה, און זיי גלויבן אַז דער אויבערשטער איז ״הזן את העולם כולו בטובו״, והראי׳ אַז זיי זאָגן דאָס ביידע אין ברכת המזון, און זיי דאַוונען צו דעם אויבערשטן –

נאָר זיי האָבן ״רחמנות״ אויף דעם אויבערשטן, און זיי ווילן אים פאַרשפּאָרן ארבעט – טענה׳ן זיי, אַז מ׳דאַרף ניט האָבן קיין קינדער וואָס דער אויבערשטער וועט דאַרפן גיין געפינען פאַר זיי מזון!

**ג.** אפילו ווען זיי זיינען מקיים דעם ציווי פון ״פרו ורבו״, און זיי האָבן בפועל קינדער – האָבן זיי נאָר צוויי קינדער, אַ בן מיט אַ בת, טענה׳נדיק, אַז דערמיט איז מען מקיים די מצוה פון פרי׳ ורבי׳,

ובפרט ע״פ המבואר אין קבלה, אַז דער טעם אויף דערויף וואָס מצות פרי׳ ורבי׳ איז מען מקיים מיט אַ בן ובת איז דערפאַר וואָס דורך אב ואם און בן ובת ווערט דער ציור פון שם הוי׳, דער אב ואם זיינען כנגד י״ה פון שם הוי׳, און דער בן ובת זיינען כנגד ו״ה פון שם הוי׳.

האָט מען – טענה׳ן זיי – די מצוה פון פרי׳ ורבי׳, און מ׳האָט דעם גאַנצן שם הוי׳, און נוסף לזה – האָט מען אויך ״רחמנות״ אויף דעם אויבערשטן, אַז ער זאָל ניט דאַרפן באַזאָרגן מיט מזון מער ווי איש ואשתו און בנו ובתו – איז וואָס דאַרף מען מערער קינדער?!

**ד.** דערנאָך קומט צוגיין דער ״קלוגינקער״ און רעדט איין דעם מאַן און דער פרוי, אַז ס׳איז גאָר אַ ברכה און דאָס וועט באַלייכטן דעם לעבן בשעת מ׳וועט האָבן וואָס ווייניקער קינדער,

וואָרום דעמולט וועלן זיי האָבן מער כחות און צייט פאַר זיך צו טאָן אַלע גוטע זאַכן.

ביז אַז מ׳וועט האָבן צייט צו גיין טאָן אין הפצת היהדות און אין הפצת המעיינות און גיין טאָן אין די מבצעים כו׳.

און מיט דעם אויסרייד טוט דער מאַן און די פרוי כמה ענינים צו מונע זיין לידה, וואָס זיינען אפשר אויסגעהאַלטן ע״פ קיצור שו״ע וואָס איז איבערגעזעצט אויף שפת המדינה – אַז צוליב דעם וואָס מ׳האָט ניט קיין צייט, אָדער צוליב יופי, אָדער צוליב מה יאמרו הבריות – דאַרף מען ניט האָבן מערער פאַר איין בן און איין בת.

אָבער באמת איז דאָס ניט אויסגעהאַלטן אויך לויט דעם קיצור שו״ע, ועאכו״כ ניט אויסגעהאַלטן ע״פ שו״ע. און ע״פ חסידות – איז דאָס היפך פון שיטת חסידות!

ובלשון הרמב״ן איז דאָס איינער וואָס איז ״נבל ברשות התורה״.

**ה.** וואָס דאָס איז דער דבר המבהיל וואָס שמים חושך לאור ואור לחושך:

דורך דעם וואָס מ׳האַלט זיך אָפּ פון האָבן קינדער, נעמט מען צו פון זיך בידים אַ ברכה עיקרית פון דעם אויבערשטן!

וואָס האָבן קינדער איז איינע פון די גרעסטע ברכות וואָס דער אויבערשטער קען שענקען צו אַ מאַן און אַ פרוי.

און ווי ס׳איז פאַרשטאַנדיק בפשטות באַ יעדער מענטש וואָס טראַכט און רעדט און פירט זיך אין אַ נאָרמאַלן אופן.

דער אויבערשטער האָט אָבער אָפּגעגעבן בחירה צו דעם מענטשן, און ער וויל אַז דער מענטש זאָל באווייזן אַז ער איז פון דעם ״עם חכם ונבון״, און ער איז בוחר בחיים, און ניט ח״ו להיפך.

און דאָ קומט מען און מ׳נעמט צו בידים איינע פון די גרעסטע ברכות וואָס דער אויבערשטער קען געבן אַ מענטשן!

וואָס דורך דערויף ברענגט מען אריין היפך הברכה און חושך רח״ל, אין חייו בעוה״ז [אין עוה״ב וועט ער זיכער האָבן ש״י עולמות און נאָכמער, וואָרום ער וועט זיכער תשובה טאָן, ו״בל ידח ממנו נדח״, אָבער אין עוה״ב ברענגט ער אריין באַ זיך היפך הברכה]!

און דאָס טוט מען מיט דער טענה אַז דער אויבערשטער קען ח״ו ניט באזאָרגן נאָך עטליכע קינדער מיט מזון.

וואָס דאָס איז אַ שטות צו זאָגן, אַז אין אַ וועלט פון פיר ביליאָן מענטשן קען דער אויבערשטער ניט שפייזן נאָך אַן אינגעלע און נאָך אַ מיידעלע!

ובכלל – וואָס מישט מען זיך אין די געשעפטן פון דעם אויבערשטן: דער אויבערשטער איז אַ חושב חשבונות כל באי עולם יעברו לפניו כבני מרון, ער ווייסט אַלע חשבונות וואָס די מענער און די פרויען מאַכן, און ער דאַרף ניט אָנקומען אַז מ׳זאָל אים פאַרשפאָרן פון דאַרפן געפינען מזון פאַר נאָך אַן אינגעלע און נאָך אַ מיידעלע, וואָרום ס׳איז ״לי הכסף ולי הזהב״.

א אידישער מאַן און אַ אידישע פרוי דאַרפן זיך ניט מישן אין דעם אויבערשטן׳ס חשבונות; זיי דאַרפן פירן אַ נאָרמאַלן פאמיליע-לעבן, ע״פ תורה, ע״פ טהרת המשפחה, און מקיים זיין דעם ״שארה כסותה ועונתה לא יגרע״, און די אשה זאָל דאָס מקיים זיין מצדה, און ווייטער לאזן דעם אויבערשטן פירן ווי ער וויל.

און דעמולט (אויב מ׳איז נאָר ניט מעכב דעם אויבערשטן׳ס ברכה, כביכול) בענטשט דער אויבערשטער טאַקע, ניט נאָר מיט צוויי קינדער נאָר מיט פיר קינדער, און מיט נאָכמער און נאָכמער, און פאַרוואָס טאַקע ניט ביז מ׳האָט אַ אייגענעם מנין באם טיש.

**ו.** און טאמער מ׳האָט אַ ספק בדבר צי מ׳דאַרף זיך אזוי פירן – איז ״פוק חזי מאי עמא דבר״ – זאָל מען אַ קוק טאָן ווי אידן האָבן זיך געפירט ווען זיי האָבן געלעבט על ארצם, אין א״י, ועד״ז אין די אַלע דורות פון גלות אפילו ווען ס׳איז געווען דער חושך הגלות, עס איז אָבער ניט געווען דער חושך כפול ומכופל כבדורנו זה:

פרומע אידן במשך כל הדורות, האָבן אַלע געהאַלטן דעם ענין פון האָבן אַ סאַך קינדער אַלס די גרעסטע ברכה וואָס קען זיין, און כמה פון זיי זיינען טאַקע געבענטשט געוואָרן מיט אַ סאַך קינדער.

אין דעם איצטיקן דור, מצד דעם חושך כפול ומכופל, איז שמים חושך לאור ואור לחושך, און מ'רעדט זיך איין אַז דורך ניט האָבן אַ סאַך קינדער ווערט גאָר ליכטיק און רואיק אין לעבן, וואָרום מ'דאַרף ניט אָפּגעבן צייט און כחות אויף די קינדער, און מ'קען טאָן וואָס מ'וויל, ביז אַז מ'האָט צייט און כחות צו טאָן גוטע זאַכן פאַר אידישקייט!

וואָס כאמור, דאָס נעמט מען צו פון זיך בידים די גרעסטע ברכה און ליכטיקייט און ווארעמקייט וואָס דער אויבערשטער גיט אַ מענטשן, אַז מ'זאָל האָבן קינדער, ביז האָבן אַ סאַך קינדער, ביז האָבן אַ מנין באם טיש, און מ'וויל זיך ניט פארגינען מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**ז.** דער דבר המצער בזה איז ניט נאָר די עצם זאַך וואָס עס געפינען זיך אידן וואָס פירן זיך אזוי – נאָר נאָכמער וואָס אין פוצה פה ומצפצף:

עס טרעפן זיך מזמן לזמן כו"כ כינוסים פון אנשים ועד"ז פון נשים, און מ'רעדט וועגן אַלע גוטע זאַכן, וואָס זיינען טאַקע גוטע זאַכן, און "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע, ויכתב ספר זכרון לפניו גו'" –

אָבער בנוגע צו דעם דבר גדול ועיקרי רעדט מען ניט.

**ח.** די כוונה פון דעם רעדן וועגן דעם איצטער איז אויף צו מעורר זיין אַז מ'זאָל וויסן אַז די גרעסטע ברכה וואָס דער אויבערשטער קען געבן אַ מענטשן איז צו האָבן קינדער, און וואָס מערער קינדער מ'האָט – איז די ברכה אַ גרעסערע.

און ווי מ'זעט דאָס בפועל:

דער גרעסטער נחת רוח וואָס אַ פרוי, און עד"ז אַ מאַן, קענען האָבן, איז – ווען זיי האָבן קינדער, און זיי זעהן ווי זייערע קינדער וואַקסן אויף, און לעבן בדרך התורה והמצוות.

און ס'איז ניט דער פשט אַז בשעת מ'האָט איין קינד קען מען ניט האָבן מערער נחת און תענוג – נאָר אדרבה:

דער טבע האדם איז – אַז "מי שיש לו מנה רוצה מאתים", וואָס אזוי דאַרף זיין דער טבע פון אַ מענטשן ע"פ תורה (אין גוטע זאַכן),

איז בשעת אַ מאַן און אַ פרוי האָבן אַ קינד ווילן זיי האָבן מערער קינדער, און פון יעדער קינד בפ"ע האָבן זיי נחת ותענוג:

פון איין קינד אין קו התורה, פון דעם צווייטן קינד אין קו העבודה, און פון דעם דריטן קינד אין קו הגמ"ח וכו'.

**ט.** און אויב ח"ו מ'איז מגביל דעם מספר קינדער וואָס מ'האָט געקענט האָבן (דורך די ברכות פון דעם אויבערשטן) – איז שפּעטער ווען מ'ווערט עלטער, האָט מען דערפון חרטה אַז מ'האָט ניט אויסגענוצט דעם אויבערשטן'ס ברכות במילואם.

און ווי דאָס איז אויך בפשטות:

בשעת עלטערן האָבן נאָר איין קינד אָדער צוויי קינדער, אין ווען די קינדער וואַקסן אויס און זיי גייען אוועק פון די עלטערן, און זיי בויען-אויף אייגענע משפחות – איז ווען די עלטערן ווילן גיין זעהן די קינדער מיט די אייניקלעך, און אויב זיי זיינען זוכה – אויך די אור-אייניקלעך – קענען זיי נאָר גיין יעדן האַלבן יאָר וכיו"ב,

וואָרום זיי קענען ניט בלייבן באַ די קינדער די גאַנצע צייט, דערפאַר וואָס "הוקר רגלך מבית רעך": אע"פ וואָס עס דאַרף זיין "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", האָט אָבער דער זון (אדער טאכטער) זיינע אייגענע ענינים וואָס זיינען ניט די ענינים פון די עלטערן, קענען די עלטערן ניט זיצן ביי אים אין שטוב די גאַנצע צייט.

מוזן די עלטערן בלייבן באַ זיך אומעדיק און ניט האָבן צו וועמען אפרעדן די הארץ (אין דברים טובים) צווישן איין מאָל פאָרן צום קינד ביז צום צווייטן מאָל.

משא"כ אויב עלטערן האָבן אַ סאַך קינדער, קענען זיי פאָרן צו איין קינד, און בלייבן

ביי אים אַ משך זמן, און דערנאָך פאָרן צום צווייטן קינד וכו׳!

ועד״ז קומען די קינדער מיט די אייניקלעך פון צייט צו צייט צו זייערע עלטערן און זיידעס און באבעס, און מ׳זיצט אַלע צוזאַמען אַ מנין באַם טיש, און ס׳איז דאָ ע״ד ווי דער ״ושמחת לפני ה׳ אלקיך אתה ובנך ובתך״, און די זיידעס און באבעס קלייבן אַ סאַך נחת פון אַלע קינדער און אייניקלעך.

**י.** ונוסף צו דעם נחת און תענוג מיט אַלע ענינים וואָס עלטערן באקומען פון קינדער – איז דאָ אויך דער ענין וואָס האָבן קינדער איז אַ ציווי אין תורה, פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, און דאָס איז ניט סתם אַ ציווי אין תורה, נאָר דאָס איז דער ערשטער ציווי אין תורה, ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר איז מדייק אַז אויך סדר אין תורה איז תורה.

וואָס ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, מיינט בפשטות, אַז מ׳דאַרף האָבן קינדער, און אַ סאַך קינדער, און זיי אויפהאָדעווען אַז עס זאָלן זיין ״ומלאו את הארץ וכבשוה״.

וע״ד ווי עס שטייט אין ספרי מוסר אויפן פסוק (וואָס מ׳גייט באלד ליינען) ״בהעלותך את הנרות״, אַז יעדער איד איז אַ ״נר״, און די כוונה פון דעם נר איז, ניט אַז דאָס זאָל ליגן ע״ד ווי אַ ליכט ליגט אין אַ קעסטל, נאָר אַז מ׳זאָל אים אריינשטעלן אין ״מנורת זהב כולה״, צוזאַמען מיט כל ישראל, און דאָס אַליין איז אויך ניט מספיק – נאָר מ׳דאַרף דאָס אנצינדן (״בהעלותך״), אַז דאָס זאָל זיין אַ ״נר להאיר״, דאָס זאָל לייכטן און באלייכטן כל העולם כולו.

וואָס יעדער אידיש-קינד גלייך ווי ער ווערט געבאָרן איז ער אזוי ווי אַ נר, און די כוונה איז אַז מען זאָל פון אים מאַכן אַ ״נר להאיר״, ביז אַז עס זאָל זיין ״ומלאו את הארץ וכבשוה״.

**יא.** ונוסף לזה:

בשעת מ׳טראַכט זיך אריין אין דעם ענין פון מ״ת (וואָס מיר קומען דאָך איצט פון זמן מתן תורתנו) – איז דאָך מ״ת געווען אין אַן אופן אַז אויב עס וואָלט געפעלט אפילו איין איד, וואָלט די תורה ניט געגעבן געוואָרן ח״ו.

וואָס דאָס איז מדגיש אויף וויפל ס׳איז נוגע צו האָבן יעדער איד, און וויפל עס פעלט – אויב עס פעלט ח״ו איין איד וואָס האָט געדאַרפט אַראָפּקומען אין וועלט, און מ׳האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אַראָפּקומען.

ועד״ז איז דאָס מודגש אין דעם וואָס רז״ל זאָגן אַז ״אין בן דוד באַ עד שיכלו כל נשמות שב(אוצר הקרוי) גוף״.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויף וויפל מ׳דאַרף זיך משתדל זיין בנוגע צו האָבן קינדער, און וויפל עס ווערט אויפגעטאָן בשעת אַ קינד ווערט געבאָרן, וואָרום דורך דערויף היילט מען צו דעם זמן וואָס עס וועט זיין ״יכלו כל נשמות שבגוף״.

**כד. משיחת ש"פ שלח ה'תש"מ.**

**הנחת הת' בלתי מוגה**

**א.** און טאָן בפועל אין אַלע ענינים, כולל אויך אין דעם ענין פון "פעמעלי פלענינג", ווי מ'האָט גערעדט פריער.

און נוסף צו דעם וואָס מ'האָט גערעדט וועגן "פעמעלי פלענינג", בנוגע צו אידן, אַז מ'דאַרף עס שולל זיין מעיקרא – דאַרף מען זיך אויך משתדל זיין צו דאָס שולל זיין אויך באַ בני נח,

ווי דער רמב"ם פסק'נט אַז ס'איז דאָ אַ מצוה אויף אַ אידן צו באווארענען אַז בני נח זאָלן מקיים זיין זייערע ז' מצוות מיט די אַלע סניפים.

און באַ בני נח איז אויך דאָ דער ענין פון פרי' ורבי' וואָרום "לא תהו בראה לשבת יצרה".

ונוסף לזה: כמה ענינים וואָס מ'טוט אין דעם ענין זיינען אַן ענין פון רציחה און גזילה, וואָס דערפאַר דאַרף מען דאָס באווארענען אויך בנוגע צו זיי.

און דורך דערויף וואָס מ'וועט רעדן מיט אַ גוי – וועט דאָס גופא פועל'ן אויך אויף זיך (דעם אידן) אַליין.

**ב.** ועד"ז בנוגע צו אידן גופא – דאַרף מען באווארענען אַז מ'זאָל ניט זיין אַ "נבל ברשות התורה", דורך געפינען היתרים אין תורה פאַר ענינים ואס דער יצה"ר וויל טאָן.

דער איינציקער מאָל ווען מ'קען טאָן די ענינים – איז אויב מ'האָט אַ היתר פון אַ רב,

און ניט אַ היתר וואָס מ'האָט באקומען דורך דערויף וואָס מ'האָט אזוי דערקוטשעט דעם רב, אַז בכדי יענער זאָל זיך פון אים אפטשעפען האָט ער אים געגעבן אַ היתר – נאָר דוקא בשעת מ'האָט אַ היתר ברור פון אַ רב אָן קיינע זייטיקע ענינים.

און דאָס איז נוגע ניט נאָר צו נשים ובנות, וואָס באַ זיי איז מאי קמ"ל אַז זיי דאַרפן טאָן אין דעם – נאָר דאָס איז נוגע אויך צו אנשים.

**כה. ב' חלקים משיחת ש"פ קרח תש"מ.**

**הנחת הת' בלתי מוגה**

**א.** עד"ז דאַרף מען אויך טאָן אין שולל זיין דעם "אויב ומתנקם" וואָס קומען מיט טענות אויף דעם וואָס מ'איז אַרויס קעגן דעם אזוי-גערופענעם "תכנית המשפחה" –

אז ווי קען מען זיך מישן אין חייו הפרטיים פון אַן איש ואשה און זאָגן זיי וויפל קינדער צו האָבן וכו' – ס'איז דאָך היפך הצדק והיושר, היפך פון דער קאנסטיטוציע, און מ'וויל מאַכן אַ "דיקטאטארשיפ" וכו'.

האָט מען אַן ענטפער אויף דערויף פון הנהגת הממשלה פון ארה"ב:

אין דער ממשלה פון ארה"ב איז דאָ אַ מחלקה וואָס ווערט אָנגערופן "פוד ענד דראג אדמיניסטריישאַן", וואָס זייער תפקיד איז, און אויף דערויף גיט מען אויס אַ ריבוי געלט און השתדלות און מרץ וכו' – צו בוחן זיין מאכלים און רפואות, צי זיי זיינען ראוי מען זאָל זיך באנוצן מיט זיי, און צי זיי זיינען ניט קיין סכנה פאַר דעם מענטשן וואָס באנוצט זיך מיט זיי.

און אויב נאָך די אַלע בחינות און אויספאָרשונגען ווייזט זיך אַרויס אַז דער מאכל אָדער די רפואה איז אַ דבר המזיק – לאזן זיי ניט דעם וואָס פאבריקירט דאָס ער זאָל דאָס אַרויסגעבן און פארקויפן,

און אויב דאָס איז ניט אינגאַנצן אַ דבר המזיק, ד.ה. אַז די זאַך האָט אַ תועלת, די זאַך האָט אָבער אויך תוצאות צדדיות וואָס קענען פועלן אויף דעם מענטשן ניט ווי עס דאַרף צו זיין – מאַכן זיי זיכער אַז דער וואָס פאבריקירט דאָס שרייבט אָן אויף אַ צעטעלע וואָס איז אָנגעקלעפט אויף דער קעסטל אָדער בוטל – אַז די זאַך האָט אזעלכע און אזעלכע תוצאות,

און אויב ס'איז אַ ספק צי דאָס איז אַ דבר המזיק – באווארענט מען דאָס אויך.

**ב.** וואָס לכאורה איז דאָס אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק:

יעדער מענטש האָט דאָך די בחירה און די ברירה צי קויפן דעם מאכל אָדער די רפואה, אָדער ניט קויפן דאָס – איז היתכן אַז מען מישט זיך אריין אין זיין פריוואטן לעבן און מ'זאָגט אים וואָס ער מעג עסן און מיט וואָס ער מעג זיך היילן, און אַז דאָס איז אַ דבר המזיק פאַר אים וכו'?!

דער ענין פון אַ מלוכה און אַ ממשלה איז – צו שולל זיין דעם ענין פון "איש את רעהו חיים בלעו", דורך דערויף וואָס ס'איז דאָ מוראה של מלכות, וואָס דערפאַר מאַכט די מדינה חוקים צו באווארענען אַז איינער זאָל ניט מזיק זיין דעם צווייטן;

דא רעדט מען דאָך אָבער ניט וועגן איינעם וואָס וויל מזיק זיין אַ צווייטן (בין אדם לחבירו), מ'רעדט דאָ וועגן חייו הפרטיים פון אַ מענטשן (בין אדם למקום), וואָס ער האָט די ברירה צי קויפן דעם דבר המזיק אָדער ניט, און אויב ער קויפט דאָס איז ער זיך אַליין מזיק, ער רירט ניט אָן קיין זולת – איז וואָס מישט מען זיך אריין אין דעם, און מ'וויל אים ניט לאזן זיך אַליין אויסקלייבן וואָס ער וויל?!

**ג.** זעט מען אָבער לפועל, אַז די ממשלה מישט זיך בפירוש אריין אין חייהם הפרטיים פון די מענטשן, בכדי צו באווארענען אַז אַ מענטש זאָל זיך אַליין ניט מזיק'ן,

וואָרום דעם תפקיד פון אַ ממשלה ווי עס דאַרף צו זיין איז – צו זאָרגן פאַר אַלע אירע בירגער אַז זיי זאָלן זיך אַליין ניט מזיק'ן, און זיי באווארענען פון אַלע ענינים וואָס קענען אפשר גורם זיין אַ היזק פאַר זיי.

וואָס דערפאַר לייגט די ממשלה אריין אַ ריבוי געלט, און אַ ריבוי השתדלות וכו' צו בוחן זיין אַלע מאכלים און רפואות וואָס ווערן פאבריקירט – צי זיי זיינען אַ דבר המזיק פאַר דעם מענטשן אָדער ניט.

און אויב ס'איז אַ ספק צי דאָס איז אַ דבר המזיק, אָדער אויב פון דעם קומען אַרויס תוצאות צדדיות – באווארענט מען דאָס אויף אַ פאפירל אָנגעקלעפט אויף דער קעסטל אָדער בוטל, אַז מ'דאַרף זיך דערפון היטן.

און אויב ס'איז זיכער אַז די זאַך איז נאָר מזיק דעם מעטשן – לאזט מען ניט אַז דער וואָס האָט דאָס פאבריקירט זאָל דאָס ווייטער פאבריקירן,

ביז אַז אויב ער איז ממשיך צו פאבריקירן דאָס – זעצט מען אים אריין אין אַ בית האסורים, און דער עיקר – מ'לאזט אים ניט ממשיך זיין דאָס צו פארקויפן.

**ד.** דערפון איז פאַרשטאַנדיק במכ"ש וק"ו בנדו"ד:

דורך דעם וואָס מען "ארדענט" איין דעם לעבן לויט אַן אזוי-גערופענער "תכנית המשפחה", און מ'האַלט זיך אָפּ פון האָבן קינדער – איז נוסף לזה וואָס מ'איז זיך אַליין מזיק (כדלקמן) – הרג'ט מען אוועק דורות און דורי דורות וואָס קענען אַרויסקומען דערנאָך,

וואָרום "דמו ודם זרעיותיו (לשון רבים) תלויין בו עד סוף העולם", ווי די משנה זאָגט אין סנהדרין, ד.ה. אַז אין אים זיינען נכלל אַלע קינדער וואָס קענען פון אים אַרויסקומען עד סוף כל הדורות, און בשעת ער האַלט זיך אָפּ פון האָבן קינדער הרג'ט ער אוועק די אַלע קינדער ברוחניות!

דאס איז טאַקע ניט קיין רציחה ע"פ הלכה – אָבער דאָס איז רציחה ברוחניות.

ונוסף לזה – איז דער אזוי-גערופענער "תכנית המשפחה" מזיק דעם מענטשן אַליין, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות: דאָס איז מזיק דעם יחס צווישן דעם מאַן מיט זיין פרוי, דאָס איז מזיק זייערע עצבים,

און ווי רופאי עצבים, און די וואָס טוען אין געבן עצות בחיי איש ואשתו, זאָגן, אַז דורך דעם וואָס מ'איז זיך מגביל לויט אַ "תכנית המשפחה" – איז דאָס מזיק די עצבים פון דעם איש און פון דער אשה, און דאָס איז מזיק דעם יחס ביניהם וכו'.

**ה.** וואָס וויבאַלד אַז דער ענין פון "תכנית המשפחה" איז אַזאַ דבר המזיק צו דעם מענטשן אַליין, און צו די דורות הבאים – ליגט אַ חוב גמור אויף דער ממשלה פון דער מדינה צו זאָרגן אַז מ'זאָל זיך אַליין ניט מזיק זיין, ווי די ממשלה טוט דאָס אין אַלע ענינים, כנ"ל.

און ניט ווי די וואָס לעבן בטעות גמור (מצד כבוד אָדער מצד ממון וכיו"ב), וואָס זיי מאַכן אַ שטורעם און אסיפות, און מ'קלייבט זיך צוזאמען און מ'שרייט, אַז ע"פ צדק ויושר טאָר מען זיך ניט מישן אין חייהם הפרטיים פון איש ואשתו, און זיי זיינען די וואָס באזאָרגן די קאנסטיטוציע פאַר כל אחד ואחת – אַז קיינער זאָל ניט אנרירן חייהם הפרטיים, און זאָגן זיי וויפל קינדער צו האָבן.

און מ'גיט זיי מעדאלן, און מ'קלאפט זיי אויף דער פלייצע – אַז זיי זיינען די וואָס האָבן געטאָן אזוי פיל פאַר דער קאנסטיטוציע, און פאַר מענטשהייט בכלל וכו' וכו'.

וואָס דאָס איז אַ טעות גמור – וואָרום בשעת עס רעדט זיך וועגן אַ דבר המזיק צו אנשי המדינה – איז דער תפקיד פון ממשלת המדינה (אויב דאָס איז אַ ממשלה ווי עס דאַרף צו זיין) צו זאָרגן אַז קיינע פון אירע בירגער זאָל זיך אַליין ניט מזיק זיין, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער טענה ווי מישט מען זיך אין חייו הפרטיים.

**ו.** ווי מ'זעט עס במוחש:

בשעת איינער קריכט ארויף אויף אַ בריק און וויל זיך פון דאָרטן אַראָפּוואַרפן אין וואסער פון טייך – מאבאליזירט מען אַ סאַך פון די משטרה, און מ'קומט מיט שיפעלעך, און מיט הויך-הילכער'ס און מ'גיט אויס גרויסע געלטער, בכדי צו אפהאַלטן יענעם פון אריינוואַרפן זיך אין טייך.

און אע"פ וואָס יענער טענה'ט אַז דאָס איז חייו הפרטיים שלו, און כל זמן ער איז ניט מזיק קיין זולת קען ער טאָן וואָס ער וויל מיט זיין לעבן, איז וואָס מישט מען זיך –

זעט מען אָבער אַז אויב דאָס איז נאָר אַ נאָרמאַלע ממשלה און אַ נאָרמאַלע פאליציי – לאזט מען אים בשום אופן ניט אַראָפּוואַרפן זיך פון בריק און זיך אַליין מזיק זיין.

ביז אַז אפילו אויב ער איז אַ מענטש וואָס איז 119 יאָר מיט 364 טעג אלט – לאזט מען

אים אויך ניט אַראָפּוואַרפן זיך פון בריק.

און דאָס איז אַ דבר המפורסם לכל – מ׳זעט כסדר אין די צייטונגען וועגן אזעלכע פאסירונגען, און ווי מ׳טוט אַלץ ניט צוצולאזן אַז יענער זאָל זיך מזיק זיין.

און דערנאָך גיט מען מעדאלן צו דער משטרה וואָס האָט גראַטעוועט דעם מענטשן.

**ז.** עד״ז בעניננו:

דורך דערויף וואָס מ׳איז מונע דעם טבע הרגיל פון לידה, און דעם טבע הרגיל אין דעם יחס צווישן איש ואשתו – ווערט אַ היזק פאַר דעם מאַן און פאַר זיין פרוי.

און ווי דערמאָנט פריער, אַז מ׳דאַרף נאָר גיין און פרעגן באַ דאקטוירים אין די ענינים פאַרבונדן מיט עצבים, און פאַרבונדן מיט דעם יחס בין איש לאשתו – וועלן זיי זאָגן אַז די עצבים פון דעם איש ואשתו ווערן געשעדיקט דורך דעם אופן ההנהגה פון ״תכנית המשפחה״.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק צו יעדן נאָרמאַלן מענטש, אַז מ׳דאַרף שולל זיין לגמרי אַזאַ אופן ההנהגה,

וכמובן בפשטות אַז קיינע עלטערן ווילן ניט אַז מ׳זאָל שיקן זייערע קינדער אין אַ משוגעים-הויז, און זיי וועלן טאָן אַלץ מעגליך ניט צוצולאזן אַז מ׳זאָל דאַרפן טאָן אַזאַ זאַך –

איז דאָך עד״ז בעניננו: וויבאַלד דער ענין פון ״תכנית המשפחה״ שעדיקט אַ מענטשן בעצבים שלו – וועלן עלטערן זיכער אפהיטן אַז זייערע קינדער זאָלן זיך ניט פירן אזוי.

און וויבאַלד אַז דאָס איז נוגע צו דער בריאות פון יעדן יחיד – דעפאַר איז אַ חוב אויף די ממשלה פון דער מדינה צו טאָן אַלץ בכחם ניט צוצולאזן אַז מ׳זאָל זיך מזיק זיין.

**ח.** ולא כדעת הטועים וואָס גייען ארום און שרייען אַז אדרבה – ס׳איז אַ גוטע זאַך צו מסדר זיין דעם לעבן לויט אַ תכנית, און דאָס וועט צוגעבן אין דעם לעבן פון דעם איש ואשתו וכו׳.

און מ׳מאַכט אסיפות און זיצונגען, און עס שטעלט זיך אוועק רעדן אַזאַ וואָס האָט אַזאַ און אַזאַ ״דיפלאמאַ״, מיט אַ ״דיגרי״, מיט אַ ״טיטול״ – און ווייזט אָן ווי מ׳דאַרף איינאָרדענען דעם לעבן, און דורך דערויף מוסיף זיין אין דער זעלבסט-צופרידנקייט וכו׳.

און דערנאָך גיט מען אים אַ מעדאל פאַר זיינע אויפטועונגען פאַר מענטשהייט און פאַר דער גאנצער וועלט.

ונוסף לזה שרייט מען אויך לאידך גיסא – אַז אויב מען מישט זיך אריין אין חייהם הפרטיים פון אַן איש ואשה, און מ׳זאָגט זיי אַז מ׳דאַרף האָבן אַ סאַך קינדער – רירט מען דורך דערויף אָן די קאנסטיטוציע מיט דעם ״חופש״ פון דעם איש ואשתו, כנ״ל.

דאַרף מען וויסן אַז פון די מענטשן וואָס טענה׳ן אזוי דאַרף מען זיך ספּעציעל היטן, ווי ינאי המלך האָט געזאָגט צו זיין טאכטער ״אל תתייראי מן הפרושין . . אלא מן הצבועין שדומין לפרושין שמעשיהם כמעשה זמרי ומבקשין שכר כפנחס״ –

וואָרום כאמור, וואָס זיי טענה׳ן איז אַ טעות גמור און אַ טעות מעיקרא, און די מציאות איז פונקט פאַרקערט ווי זיי טענה׳ן:

אז מ׳וועט גיין צו דאקטוירים אין די ענינים, און מ׳וועט באַ זיי פרעגן וואָס איז די תוצאה פון מונע זיין דעם טבע הרגיל פון לידה און פון חיי המשפחה – וועלן זיי זאָגן, ע״פ די אַלע פאַלן וואָס זיי האָבן געהאַט צוטאָן מיט זיי, אַז אין רוב פון די פאַלן רירט דאָס אָן און איז מזיק די עצבים פון דער איש ואשה.

**ט.** און מ׳דאַרף זיך אפילו ניט צופיל משתדל זיין צו דאָס אויסגעפינען – וואָרום דאָס ליגט באַ די דאקטוירים מן המוכן, אין זייערע רשימות פון די אַלע פאַלן וואָס זיי האָבן געהאַט צוטאָן מיט זיי,

מ״דאַרף נאָר צוזאמענקלייבן די ציפערן און די פראצענטן פון מענטשן וואָס זיי האָט דאָס געשאדט.

און טאָן דאָס ע״פ חוק המדינה, וואָס דאָס איז – אַז מ׳קלייבט צוזאמען נאָר די ציפערן פון מענטשן, אָן זייערע נעמען, ועד״ז ניט דערמאָנען די נעמען פון די דאקטוירים.

ס׳איז מערניט וואָס דער וואָס טוט דאָס, דאַרף זיין איינער וואָס זוכט דעם אמת – וואָס דעמולט איז זיכערע זאַך אַז ער וועט זעהן אַז די רעזולטאטן זיינען ווי געזאָגט פריער, אַז דאָס רירט אָן די עצבים פון רוב מענטשן.

און דערנאָך זאָל ער מפרסם זיין די רעזולטאטן פון זיין אויספאָרשונג, און מ׳וועט אים געבן אַ מעדאל פאַר זיינע אויפטועונגען אין טאַקע אַרויסהעלפן מענטשהייט (ע״ד ווי מ׳גיט אַ מעדאל פאַר דעם צד שכנגד, כנ״ל).

ביז אַז די רעזולטאטן וועלן אָנקומען צו יעדער איינעם, אַז מ׳זאָל קענען זעהן בעיני בשר אַז דער ענין פון ״תכנית המשפחה״ שעדיקט אַ מענטשן,

ביז אַז אויך די וואָס האָבן פריער געשריען אַז דאָס העלפט אַ מענטשן – וועלן אַרויסקומען און זאָגן ״דברים שאמרתי לכם טעות הן בידי״ און זיי וועלן אויך אַרויסקומען קעגן דעם ענין פון ״תכנית המשפחה״.

וואָס דאָס דאַרף מען אויך האָבן אַז זיי זאָלן מודה זיין – בכדי צו געבן מער תוקף אין דעם ענין, ובפרט באַ די וואָס האָבן זיך פריער צוגעהערט צו זיי.

**י.** כל האמור לעיל איז ניט ע״פ תורה דוקא; אַ איד דאַרף טאַקע לעבן ע״פ התורה ומצוותי׳, און האמור לעיל איז אויך אין איינשטימונג מיט דרך התורה ומצוותי׳ – אַז מ׳דאַרף זיך ניט אריינמישן און מונע זיין דעם דרך הטבע הרגיל פון לידה וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט –

אָבער צוזאמען דערמיט איז דאָס אויך אַן ענין וואָס מ׳קען דאָס געבן צו פאַרשטיין אפילו אַ גוי.

און מ׳דאַרף זיי דאָס טאַקע געבן צו פאַרשטיין, בכדי צו פועלן אויף זיי אַז אויך זיי זאָלן ניט טאָן ענינים המונעים הלידה וכו׳ –

וואָרום ס׳איז אַ מצוה אויף אַ איד צו פועלן אויף בני נח אַז זיי זאָלן מקיים זיין זייערע ז׳ מצוות, ווי דער רמב״ם פסק׳נט (לדוגמא – די מצוה פון אבר מן החי), און אַז זיי זאָלן זיי מקיים זיין דערפאַר וואָס ״צוה בהן הקב״ה בתורה והודיענו ע״י משה רבינו שבני נח מקודם נצטוו בהן״,

ועד״ז בנוגע לענין זה, וואָס אין אים איז דאָ דער ענין פון רציחה, ״שופך דם האדם באדם״, ובפרט אַז דאָס איז אויך אַן ענין כללי ביי אַ גוי, וואָרום אויך אַ גוי איז מחוייב אין ישוב העולם – ״לא תהו בראה לשבת יצרה״,

במילא דאַרף מען אויך אויף זיי פועלן אַז זיי זאָלן האָבן קינדער, און לעבן אַ נאָרמאַלן פאמיליע לעבן, זיך ניט אריינמישן און מונע זיין דרך הטבע בזה.

וואָס בכדי אַז מ׳זאָל אויף זיי פועל׳ן – מוז מען זיי פריער מסביר זיין דעם ענין אין דעם, וואָס אויף דערויף קומט די הסברה וואָס מ׳האָט פריער גערעדט, וואָס איז אויך שייך אַז גוים זאָלן דאָס פאַרשטיין.

**יא.** און מ׳דאַרף טאָן אין דעם – סיין בנוגע צו אידן און סיי בנוגע צו גוים – ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע מניעות ועיכובים, און מיט קיינע שוועריקייטן, וואָס דער וועט זאָגן און וואָס יענער וועט זאָגן.

און אפילו אַז ״הם רצים״ – עס זיינען דאָ אזוינע וואָס לויפן און שטורעמען אַז מ׳דאַרף זין פירן לויט אַ ״תכנית״ אין משפחה-לעבן, און בשעת מ׳קומט אַרויס קעגן דעם ענין פון ״תכנית המשפחה״, שרייען זיי אַז מ׳טאָר זיך ניט מישן אין חייהם הפרטיים פון איש ואשתו, כנ״ל –

דאַרף מען דערפון ניט נתפעל ווערן, און עס דאַרף זיין ״אנו רצים״ צו טאָן מיט אַ שטורעם קעגן דעם ענין פון ״תכנית המשפחה״,

און טאָן אין דעם בנוגע צו אידן ועד״ז – זיין אַן ״אור לגוים״, וואָס דאָס איז אויך דער תפקיד פון אַ אידן – פועלן אויך אויף גוים אין דעם ענין, כנ״ל.

**יב.** אין דערויף האָט מען אויך דעם לימוד פון י״ב-י״ג תמוז:

עס האָט זיך אוועקגעשטעלט איין איד קעגן אַ מלוכה אדירה, און ער איז פון קיין זאַך ניט נתפעל געוואָרן, און ער האָט מכריז געווען, אַז די נשמה איז קיינמאָל אין גלות ניט געגאַנגען, ובמילא איז אוממעגליך אַז מ׳זאָל עפּעס אנרירן אין דעם, און דערפאַר וועט מען זיך ניט בייגן אויף קיין ענין וואָס רירט אָן אידישקייט!

און אפילו ווען אַנדערע האָבן געזאָגט שקרים – איז ער דערפון ניט נתפעל געוואָרן, וואָרום ער איז געגאַנגען מיט תורה, וואָס זי איז תורת אמת.

וואָס דערפון האָט מען דעם לימוד אויך בזמננו, אויף ניט נתפעל ווערן פון קיין זאַך ווען עס קומט צו אַן ענין וואָס רירט אָן אידישקייט, און אויך ניט נתפעל ווערן פון די וואָס זאָגן שקרים, און לעבן בטעות מיט דעם וואָס זיי מיינען אַז די וועג צו ברענגען גליק אין לעבן איז דורך ״תכנית המשפחה״, און מ׳טאָר זיך ניט מישן אין חייהם הפרטיים פון אַנדערע וכו׳, כנ״ל –

וואָרום וויבאַלד אַז תורת אמת זאָגט אַז ס׳איז ניט אזוי, איז דאָס זיכער ניט אזוי, און במילא אַז מ׳גייט מיט תורת אמת האָט מען ניט וואָס צו נתפעל ווערן פון די טענות של שקר.

***יג.*** ...מ׳דאַרף ניט נתפעל ווערן פון קיינע מניעות ועיכובים, און גיין פועלן סיי אויף אידן און סיי אויף להבדיל גוים בנוגע צו שלילת הענין פון ״תכנית המשפחה״.

און מ׳דאַרף זיי מסביר זיין אַז אזוי זאָגט תורת אמת, אַז מ׳דאַרף לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, און ניט מישן זיך אין די חשבונות פון דעם אויבערשטן, און ח״ו מונע זיין די ברכה און די מתנה פון דעם אויבערשטן – צי מ׳זאָל האָבן אַ סאַך קינדער אָדער ווייניק קינדער, צי מ׳זאָל האָבן זכרים אָדער נקבות וכו׳.

און אויב מ׳וועט זיי נאָר מסביר זיין אַז תורה זאָגט אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלער לעבן, און אַז דאָס איז צדק ויושר, און זיי מסביר זיין דאָס בטוב טעם – וועט מען זיכער פועלן אויף זיי,

וואָרום היינט איז ניטא די מציאות פון אפיקורסים, ס׳איז נאָר דאָ עמי הארצים, וואָס זיי ווייסן ניט וואָס תורה זאגט, און זיי מיינען אַז תורה איז היפך הצדק והיושר, און אַז תורה זאָגט צו לעבן היפך פון אַ נאָרמאַלן לעבן (וע״ד ווי זיי מיינען בנוגע צו טהרת המשפחה) –

דערפאַר, אַז מ׳וועט זיי מסביר זיין אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט, אַז דוקא ע״פ תורה האָט מען צדק ויושר, און אַז דוקא ע״פ תורה קען מען לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, מיט די אַלע ביאורים בזה – וועט מען זיכער פועלן אויף זיי.

***יד.*** ובעניננו: מען דאַרף זיי מסביר זיין, אַז תורה זאָגט אַז מ׳דאַרף לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, וואָס דאָס מיינט אַז נאָך דעם וואָס אַן איש ואשה האָבן חתונה דאַרפן זיי האָבן קינדער.

ולא כדעת אלו אַז פריער דאַרף מען האָבן אַ מיליאָן דאָלאַר אין באַנק, און ערשט דערנאָך קען מען האָבן אַ קינד וואָס מ׳וועט אים קענען אויפהאָדעווען און ערציען כדבעי!

אַיי ווער האָט אים מיט איר ערצויגן אַלע יאָרן, און דערנאָך געפירט זיי צו דער חופה וכו׳?

וואָס יעדער איינער פאַרשטייט דאָך אַז ס׳איז ניט ״כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״, נאָר דער אויבעשטער איז דער וואָס גיט געלט און אַלע ענינים בשעת מ׳דאַרף דאָס האָבן – במילא איז פונקט ווי ער האָט געגעבן זייערע עלטערן אַלע ענינים בכדי צו קענען ערציען זייערע קינדער, וועט ער זיכער געבן אויך דעם מאַן און פרוי אַלע ענינים בכדי זיי זאָלן קענען ערציען זייערע קינדער.

און אפילו אויב איינער האַלט ניט אזוי – פאַרשטייט דאָך יעדער איינער אַליין אַז אויב

מ׳וועט אים זאָגן אַז אַן אכצען יאָריקער אינגל מיט אַן אכצן יאָריקע מיידל האָבן חתונה געהאַט מיט זייערע אייגענע געלט און זייער אייגענע האָרעוואניע – וועט ער זיך אויסלאכן, וואָרום ס׳איז ניט במציאות,

נאָר ס׳איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי האָבן געהאַט עלטערן אָדער ידידים וואָס האָבן זיי געפירט צו דער חופה, און אָפּגעצאָלט די אַלע הוצאות וכו׳.

וואָס אויך לפ״ז קומט אויס אַז ווען אַן איש ואשה האָבן חתונה, זיינען זיי ניט אין אַ מצב וואָס זיי קענען זאָגן ״כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״ – נאָר ס׳איז כחם ועוצם ידם פון זייערע עלטערן, וואָס בפנימיות איז דאָס ״לי הכסף ולי הזהב״.

וואָס דערפאַר דאַרף מען ניט מאַכן קיינע חשבונות, אַז פריער דאַרף מען האָבן אַ מיליאָן דאָלאַר אין באַנק, און ערשט דעמולט קען מען האָבן קינדער – וואָרום ס׳איז ניט ״כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״, און דער וואָס דאַרף זאָרגן פאַר די געלט צו ערציען די קינדער וועט דאָס שוין מסדר זיין.

**טו.** אויף איבער׳חזר׳ן נאָכאַמאָל די נקודה,

[וואָס באמת קען מען רעדן וועגן דעם באריכות גדולה יותר, און עס ווערט ניט אויסגעשעפט – וואָרום תורה איז ״ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים״ – אָבער מ׳דערמאָנט דאָ נאָר עטליכע נקודות בדבר]:

מען דאַרף וויסן אַז ס׳איז אַ היזק פאַר זיך און אַ היזק פאַר אַלע מענטשן בשעת מ׳איז מונע לידה און מען מישט זיך אין דרכי ה׳, וואָס ״לא תהו בראה לשבת יצרה״ – אַז עס זאָל זיין ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, אַז מ׳זאָל זיך מערן און אָנפילן די וועלט און איר איינעמען.

און דערפאַר דאַרף מען זיך משתדל זיין אין דעם סיי בנוגע צו אידן און סיי בנוגע צו גוים להבדיל.

ביז אַז מ׳דאַרף אויך פועל׳ן אַז די ממשלה פון דער מדינה אַליין זאָל דאָס באוואָרענען, וואָרום דאָס איז איר תפקיד צו אפהיטן אירע בירגער פון היזק.

וואָס דאָס קען מען זיכער פועל׳ן אויף דער ממשלה – אויב מ׳וועט נאָר צוגיין מיט אַ נאָרמאַלן צוגאנג צו די פון ״קאָנגרעס״ אָדער פון ״סענאַט״,

וואָס זיי זיינען דאָך נאָרמאַלע מענטשן, ווי ס׳איז פאַרשטאַנדיק דערפון גופא וואָס זיי האָט מען בוחר געווען, וואָס בכדי אַז מ׳זאָל זיי בוחר זיין האָבן זיי געדאַרפט טאָן געוויסע ענינים,

און מ׳וועט מיט זיי רעדן אין אַ נאָרמאַלן אופן, און מ׳דאַרף ניט זיין קיין מגזם צי אַ דרשן אָדער אַ גרויסער רעדנער, נאָר רעדן מיט זיי פשוט׳ע ווערטער, און מסביר זיין זיי מיט אַ נאָרמאַלן הסבר וואָס דער ענין בזה איז,

און וויבאַלד אַז ער איז אַ נאָרמאַלער וועט ער אַליין פאַרשטיין וואָס מ׳מיינט,

און דעמולט איז אַ זיכערע זאַך אַז עס וועלן דערפון אַרויסקומען נאָרמאַלע תוצאות.

און יעדער איינער וואָס קען אין דערויף טאָן – **דאַרף** אין דערויף טאָן, וביתר שאת וביתר עוז, און אין אַן אופן דמוסיף והולך ואור.

## כו. ג' חלקים משיחת ש״פ נח ה'תשמ״א[1].

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** מ'האָט פריער גערעדט (סל״ה ואילך) אַז בשעת נח איז אַרויס פון תיבה האָט ער מורא געהאַט צו האָבן קינדער טאמער עס וועט נאָכאַמאָל זיין אַ חורבן העולם, און דערפאַר האָט ער משנה געווען אַז ער איז אַרויס פון תיבה אין דעם סדר ״נח ובניו אשתו ונשי בניו״ ניט ווי דער אויבערשטער האָט אים אָנגעזאָגט.

וואָס לכאורה איז דאָס אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק:

ווי קומט עס צו נח וואָס ״איש צדיק תמים הי׳״ אַז בשעת דער אויבערשטער זאָגט אים אַ ציווי ״צא מן התיבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך״ – זאָל ער דאָס ניט טאָן, און מורא האָבן און דאגה'ן?!

**ב.** ...די קשיא ווערט נאָך שטאַרקער:

חזקי׳ האָט געזען בנבואה אַז פון אים וועט אַרויסקומען מנשה – האָט ער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן גאַנצן ענין פון פו״ר, און דערפאַר האָט מען אים מעניש געווען ווי עס ווערט דערציילט אין מדרשים.

וואָס באַ חזקי׳ איז דאָס געווען אַ דבר ברור אַז פון אים וועט אַרויסקומען מנשה, און אעפ״כ האָט מען אים מעניש געווען פאַר ניט וועלן האָבן קינדער –

איז דאָך במכ״ש וק״ו בנוגע צו נח'ן, וואָס ער האָט ניט געוואָלט מקיים זיין ציווי ה' פון פו״ר מצד אַ **ספק** טאמער עס וועט נאָכאַמאָל זיין אַ חורבן – איז דאָס זיכער ניט געווען אַ ריכטיקע זאַך צו טאָן – איז ווי קומט עס אַז ער זאָל דאָס טאָן?!

**ג.** דער ביאור בזה קען מען זאָגן אויף כמה אופנים, איינער פון זיי:

נח האָט געוואוסט פון דעם ציווי ״שופך דם האדם באדם״, און ער האָט פאַרשטאַנען די טייערקייט פון אַ נפש, ובמילא פון פקו״נ און אפילו פון ספק פקו״נ,

און ער האָט אויך ערשט געזען אַ מבול וואָס האָט אָפּגעווישט דער גאנצער מין האנושי פון די וועלט, און ניט נאָר דער מין אנושי, נאָר אויך מין החי, ביז אויך מין הצומח, ביז אַז דאָס האָט אויך גע'פועל'ט אין דומם, ווי רש״י זאָגט עה״פ (ו, יג) ״והנני משחיתם את הארץ״ – ״את הארץ – עם הארץ, שאף ג' טפחים של עומק המחרישה נמוחו ונטשטשו״ –

איז זעענדיק דאָס אַלץ און זעענדיק וואָס האָבן קינדער קען צוברענגען, און כל זמן אַז ער האָט ניט געוואוסט בודאות אַז עס וועט ניט זיין נאָך אַ מבול וואָס וועט אַלץ בטל מאַכן – איז דאָס ניט בגדר אנושי אַז גלייך דער ערשטער זאַך ווען ער גייט אַרויס פון תיבה, פאַר טראַכטן וועגן אַ צווייטע זאַך, זאָל ער אַרויסגיין פון תיבה מיט אשתו, און האָבן נאָך קינדער!

אָבער אעפ״כ האָט דער אויבערשטער געזאָגט נח אַז דאָס איז ניט דער דרך, און ער האָט אים נאָך צוויי מאָל געזאָגט אַז עס דאַרף זיין ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״ (ט, א. ח).

**ד.** וואָס אפילו בנוגע צו די הוה אמינא און די טענה פון נח – איז דאָס געווען פאַר מ״ת, און אין אַ מצב וואו די גאנצע וועלט איז חרב געוואָרן (חוץ פון נח ובני ביתו);

משא״כ אָבער איצטער איז דאָך נאָך מ״ת און ס'איז דאָ אַ גאנצע וועלט, און מ'האָט אַ ציווי אַז מ'דאַרף האָבן קינדער, ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, ואדרבה – דאָס איז די ערשטע מצוה אין די תורה, וואָס דאָס באווייזט אויך אויף דער חשיבות שבדבר,

ונוסף לזה האָט מען דעם ציווי צו מחנך זיין קינדער – ״ושננתם לבניך״ און ״למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט״ – דאַרף מען דאָך האָבן קינדער צו מקיים זיין דעם ציווי –

דערפאַר איז ניטא קיין ענין און קיין הוה אמינא אין אריינגיין אין חשבונות און טאָן

[1] חלק משיחה זו נדפסה בלקו"ש חכ"ה שיחה ג' לפ' נח – נדפסה לעיל.

פעולות שונות צו מונע זיין פון האָבן קינדער וכו' וכו', ווי מ'טוט דאָס היינט.

**ה.** און מ'דאַרף זיך ניט ארייינלאָזן אין חשבונות וואו וועט מען געפינען מזון פאַר נאָך קינדער וכו' – ווי יעדער איד זאָגט און גלויבט אַז "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים",

וואָס דאָס גלויבט דאָך יעדער איד, וואָרום היינט איז ניט שייך דער ענין פון "מקטני אמונה" ווי ס'איז געווען באַ נח'ן.

און דערפאַר דאַרף מען זיך ניט אריינמישן אין דעם אויבערשטן'ס חשבונות, וואו ער וועט געפינען מזון פאַר נאָך קינדער.

בנוגע צו זיך אַליין און די קינדער וואָס ער האָט שוין פון פריער – האָט ער ניט קיין ברירה, און וויבאַלד אַז "אדם לעמל יולד" האָרעוועט ער אויף האב אכילה ושתי'; בנוגע אָבער צו אַראָפּברענגען נאָך אַ נשמה אין אַ גוף – דאָס וויל ער ניט!

זאָגט מען אים, כאמור, אַז דאָס איז דעם אויבערשטן'ס חשבון ווי צו שפייזן אַלע קינדער אין דער וועלט – און ער דאַרף מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", און איבערלאזן אַלע אַנדערע חשבונות פאַר דעם אויבערשטן.

**ו.** ובפרט בזמן זה, וואָס מ'וויל דאָך האָבן די גאולה און וואָס שנעלער –

זאָגן רז"ל אַז "אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שב(אוצר הקרוי) גוף".

איז דורך דערויף וואָס אַ פּאָר-פּאָלק האָבן ניט קיין קינד, און קינדער – האַלטן זיי אָפּ משיח פון קומען ח"ו, און מ'האַלט זיך אַליין מיט אַלע ששים ריבוא מישראל נוסף אויף נשים וטף, אַז מ'זאָל זיך מאַטערן אין גלות! און מ'האַלט אויך די שכינתא בגלותא!

וואָס מצד דעם ענין ווערט נאָכמער נתחזק פאַרוואָס מ'זאָל האָבן קינדער, און אויפהערן געבן הסברות מיט טעמים וכו', און ארומגיין צוטומלט און זוכן וואָס צו טאָן.

**ז.** מ'דאַרף נאָר האָבן אַ בטחון חזק אין דעם אויבערשטן און מקיים זיין זיין ציווי פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

און דורך דערויף אין מען פאַרזיכערט אַז עס וועט אַלץ זיין מתוך שמחה, וואָס שמחה איז פורץ גדר, און מתוך עונג,

...און דערפאַר איז דער תענוג ושמחה וואָס מ'וועט האָבן דורך דערויף וואָס מ'וועט מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", פורץ זיין אַלע מדידות והגבלות, און אַלע ענינים וואָס מ'וועט דאַרפן האָבן וועט דער מאַן און אויך זיין פרוי האָבן, אָדער דער פרוי און אויך איר מאַן האָבן.

**ח.** און דערביי דאַרף מען אויך וויסן, אַז אזוי ווי יעדער מצוה טוט אויף אַ פעולה אין וועלט, לדוגמא – מצות צדקה [וואָס איז "שקולה כנגד כל המצוות"] טוט אויף אַז עס זאָל זיין "החיית נפש העני", עד"ז אויך די מצוה פון פו"ר טוט אויף אַ פעולה אין וועלט און אַ פעולה נפלאה:

דורך דעם וואָס מ'איז מקיים מצוות פו"ר און מ'האָט אַ קינד איז מען מגלה דער כח הא"ס אין וועלט. און דאָס איז די איינציקע וועג צו מגלה זיין כח הא"ס אין וועלט!

און דערנאָך בשעת ער איז מחנך דעם קינד (אדער קינדער) כדבעי, וועט דער קינד (ווען ער וועט אויסוואַקסן) אויך האָבן קינדער און מגלה זיין דער כח הא"ס אין וועלט, ביז אַז די בני בנים וועלן אויך האָבן קינדער און מגלה זיין דעם כח הא"ס אין וועלט, און אזוי עד סוף כל הדורות!

וואָס דערפון קומט אויס אַז דורך דערויף וואָס ער איז מקיים איינמאָל די מצוה אחת פון פו"ר, קומט דערפון אַרויס מצוות עד סוף כל הדורות!

**ט.** פון כל הנ״ל איז פאַרשטאַנדיק דער זכות גדול און גילוי גדול און חיוב גדול אויף כאו״א צו מקיים זיין דער ציווי פון דעם אויבערשטן ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״.

און הגם אַז נח האָט געהאַט אַ טענה פאַרוואָס ניט צו מקיים זיין דער מצוה – איז אָבער פון דאָרטן גאָר אַ הוראה – וואָרום דער אויבערשטער האָט גלייך באוואָרנט נח'ן מיט נאָך צוויי מאָל איבער'חזר'ן דעם ציווי ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״, אַז ער (נח) איז ניט גערעכט מיט זיין טענה און חשבון, נאָר ער דאַרף מקיים זיין דעם ציווי פון ״פרו ורבו גו׳״.

און כאמור, דורך דערויף טוט מען אַ טובה פאַר זיך, און מ'איז אויך פארזיכערט אַז מ'וועט האָבן אַלע ענינים וואָס מ'דאַרף האָבן, און מ'וועט האָבן אַ סאַך נחת, ניט נאָר וואָס מ'טוט דורך דערויף אַ טובה דעם אויבערשטן און דער אויבערשטער האָט דערפון נחת – ״נייחא לעליונים״ – נאָר מ'האָט אויך דער צווייטער ״נח״ – ״נייחא לתחתונים״, מנוחה און נחת אויך בגשמיות פאַר זיך אַליין.

**י.** ואין כאן המקום להאריך בדבר מובן ופשוט – מ'דאַרף נאָר נאָכאַמאָל מעורר זיין וועגן דעם מצד דער גודל הענין בזה.

ובפרט איצטער וואָס מ'דאַרף האָבן די גאולה, אַז ״בן דוד״ זאָל קומען, דאַרף מען אויפטאָן וואָס שנעלער אַז עס זאָל זיין ״יכלו כל הנשמות שבגוף״.

און ווי די קינדער רופן און בעטן אַז מ'וויל האָבן משיח ״נאַו״ (איצטער) און מ'וויל ניט וואַרטן – איז טוט אַייערע קינדער אַ טובה און ברענגט משיח צדקנו דורך דעם וואָס ״יכלו כל הנשמות שבגוף״!!!

און מ'טוט אין דעם בשמחה ובטוב לבב, ומתוך טהרת המשפחה און אויך אין די אַנדערע מבצעים, און דער עיקר – מ'האָט בטחון אין דעם אויבערשטן אַז אַלס וועט זיין גוט, און כאמור לעיל, מ'האָט דעקונג (ווי מ'זאָגט במדינה זו) פון דעם אויבערשטן אויף דעם.

און דורך דערויף טוט מען אויף אַז מ'גייט בקרוב ממש מקבל זיין פני משיח צדקנו, און זיי – די קינדער – גייען בראש, ״הם הכירוהו תחילה״,

״בבנינו בבנותינו בנערינו ובזקנינו״, ״קהל גדול ישובו הנה״.

[צוה להילדים לנגן ״ווי וואָנט משיח נאַו״].

**כז. משיחת ש״פ וישלח ה׳תשמ״א.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** בהמשך להאמור לעיל וועגן דעם ענין פון אַ חתונה, וואָס די כוונה דערפון איז דער ״ויברך אותם אלקים ויאמר להם אלקים פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״ (בראשית א, כח) – איז כאן המקום אויך דערמאָנען וועגן דעם ענין.

וואָס בפשטות מיינט דאָס – אַז מ׳זאָל האָבן אַ ריבוי בנים ובנות.

און ווי דאָס איז געווען באַ יעקב אבינו, אַז ער האָט געהאַט י״ב שבטים, וואָס דאָס איז געווען דער מספר פון קינדער וויפל דער אויבערשטער האָט פאַר אים באַשטימט צו האָבן, און דוקא דעמולט וואָס ער האָט געהאַט די אַלע י״ב קינדער, איז געוואָרן ״מטתו שלימה״.

ועד״ז דאַרף זיין באַ כאו״א, אַז מ׳דאַרף זיך ניט אריינמישן אין דעם חשבון פון דעם אויבערשטן וויפל קינדער ער האָט באַשטימט אַז אַ געוויסע פאָר-פאָלק זאָלן האָבן – נאָר עס דאַרף זיין ״פרו ורבו ומלאו הארץ וכבשוה״, מ׳דאַרף האָבן אַ ריבוי בנים ובנות, וויפל דער אויבערשטער האָט באַשטימט פאַר דער פאָר-פאָלק.

און ס׳איז ניט דער פירוש אַז דורך דערויף וואָס מ׳האָט אַסאַך קינדער רירט עס עפּעס אָן אין בריאות הגוף אָדער אין פרנסה – נאָר אדרבה: ע״ד ווי ס׳איז געווען באַ יעקב, אַז דורך דערויף וואָס ביי אים איז געוואָרן ״מטתו שלימה״, האָט עס ניט געשטערט אָדער אָפּגעשוואכט דעם גוף, נאָר ער איז געוואָרן ״**שלם** בגופו״, און ניט געשטערט צו פרנסה, נאָר ער איז געווען ״**שלם** בממונו״, ועד״ז איז באַ כאו״א.

און בשעת מ׳איז מקיים דער ציווי ה׳ פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, און מ׳האָט אַ ריבוי בנים ובנות – איז מען דערנאָך זוכה צו זען ווי זיי זאָלן אויסוואַקסן צו זיין עוסקים בתומ״צ.

**כח. משיחת ש״פ ויקרא תשמ״ג.**

**הנחה בלתי מוגה**

**א.** ומכאן באים להמדובר כמ״פ אודות שלילת הענין ד״תכנון משפחה״, כי אם למלא את ציווי הקב״ה ״פרו ורבו ומילאו את הארץ״ – ללא כל חשבונות כו׳.

לדאבוננו, ישנם כאלו שאינם מתנהגים כן, אלא עושים ״חשבונות״ ומחליטים מתי הוא הזמן המתאים להביא ילד לעולם וכו׳ – ״ער איז אַ גאַנצער יאַ-טיבע-דאַס״, ובמילא **הוא** הקובע מתי הוא הזמן המתאים לכך! ומכיון שמדובר אודות ״למדנים״ [ובודאי שאי אפשר לומר להם דבר כו׳, ועד כדי כך – שכאשר משה רבינו התבטא על בנ״י באופן בלתי רצוי, קיבל מיד ״פסק״ כו׳] – יש להם ״היתרים״ ע״פ השו״ע!

הוא יודע שע״פ התורה מחוייב הוא לפרנס את אשתו ובני ביתו – ״שארה כסותה ועונתה לא יגרע״. ומכיון שהוא צריך לעשות ״כלים״ לפרנסתו, וכמ״ש ״וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה״ – אין ביכלתו, טוען הוא, לקחת על עצמו לפרנס ילד נוסף, בה בשעה **שבקושי** מצליח לפרנס את הילדים שנולדו לו כבר! וא״כ, הרי הוא צדיק גמור – טוען הוא – ומה רוצים ממנו!

ועל זה באה ההוראה דלעיל אודות הנהגתן של נשי ישראל: כאשר הבעלים היו במעמד ומצב שלא רצו להעמיד צבאות, מפני גזירת פרעה כו׳, ועד כדי כך שאפילו עמרם (גדול הדור) פירש מאשתו כו׳ – השתדלו נשי ישראל לקיים את המצוה ד״פרו ורבו ומילאו את הארץ״, מבלי להתחשב בשום חשבונות!

ואם הדברים אמורים בנוגע לחשבונות דגזירת פרעה כו׳ (שאין להתחשב אפילו בזה), הרי על-אחת-כמה-וכמה שאין להתחשב בחשבונות של עניני פרנסה – כי פרנסה נותן **הקב״ה**! – אותו יהודי שעושה חשבונות של פרנסה, שוכח מה שאמר בעצמו בברכת המזון דליל שבת: ״הזן את העולם כולו בטובו כו׳״ [אלא אם כן אמר זאת באופן ד״ויפתוהו בפיהם וגו׳״ ח״ו], ומכיון **שהקב״ה** זן ומפרנס את **העולם כולו** – בודאי שביכלתו לפרנס ילד יהודי נוסף, וריבוי ילדים נוספים!

**ב.** ועוד ענין עיקרי בזה:

כאשר עושים חשבונות של ״תכנון משפחה״ – עלול הדבר להביא לידי כשלון בחטא הידוע שבסיבתו מתארך הגלות, רחמנא ליצלן!

– ידוע שבחב״ד לא מדברים אודות ענין זה כו׳. ישנם חוגים שאצלם מאריכים לדבר ולעסוק בענין זה, אבל אצל חב״ד – אדרבה: לא מדברים אודות ענין זה. אבל אעפ״כ, כאשר מזכירים כבר ענין זה, מזכירים כבר עד כמה חמור הדבר, ועד כדי כך – שזוהי הסיבה לאריכות הגלות, היינו, שעי״ז מעכבים בגלות את כל בנ״י, כולל ״שכינתא בגלותא״ – לא עליכם!

אצל עמרם – שפירש מאשתו כו׳ – **פשיטא** שלא הי׳ צורך כלל להזהיר על ענין זה, אבל כאשר מדובר אודות תכנון משפחה בימינו – עלול הדבר לגרום לחטא הידוע רחמנא-ליצלן! ומכיון שכל יהודי מבקש בתפלתו ״ואל תביאנו . . לידי נסיון״ – היתכן להעמיד את עצמו בנסיון כזה?! – ובפרט כאשר ידע איניש בנפשי׳ מה שהי׳ אתמול בלילה, ובלילה שלפנ״ז וכו׳!

ולכן, מלבד כל האמור לעיל – יש להמנע מתכנון משפחה מכיון שהדבר עלול לגרום לחטא הידוע.

**ג.** ויהי-רצון שמכאן ולהבא ישתדלו בקיום הציווי ״פרו ורבו ומילאו את הארץ״ – ללא כל חשבונות, ואז מבטיח הקב״ה שעי״ז יהי׳ הענין ד״וכבשוה״!

ובפרט על-פי האמור לעיל אודות אופן הנהגתן של נשי ישראל בהיותן בגלות מצרים – שלא התפעלו מגזירת פרעה וכו׳, בידען שרצונו של הקב״ה שיקיימו את הציווי ״פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה״.

ואם הדברים אמורים לפני מתן-תורה, מובן, שלאחרי מ״ת מודגש ענין זה ביתר שאת

וביתר עוז – כמדובר כמ״פ אודות מה-שכתב הרמב״ם בפירוש-המשניות במסכת חולין בנוגע למצות מילה, שאע״פ שציווי זה הי׳ כבר לפני מ״ת, מקיימים אנו מצוה זו (לא מפני הציווי שלפני מ״ת, כי אם) מפני שכך צוה הקב״ה למשה בסיני, היינו, שהענין דמ״ת פעל תוספת עילוי גם בציוויים שהיו כבר לפני מ״ת, ומזה מובן גם בנוגע לציווי ״פרו ורבו״.

**כט. משיחת ש״פ יתרו ה׳תשד״מ**

**הנחה בלתי מוגה**

**א.** ולכל לראש – בנוגע לתפקידן העיקרי – לגדל בנים ובנות, ״פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה״, מבלי לערב שום חשבונות ושיקולים כו׳, כי אם להסתמך לגמרי על הקב״ה שיתן את ברכתו בזמן המתאים ובאופן המתאים,

ובודאי שלא לעשות חשבון שילד נוסף יביא לידי הוצאות נוספות (עד הלידה ולאחרי׳ וכו׳) – כי בודאי יכול הקב״ה לזון ולפרנס ילד יהודי נוסף, כשם שזן ומפרנס את העולם כולו!

כל יהודי אומר בברכת המזון: ״הזן את העולם כולו בטובו בחן בחסד וברחמים״, ובודאי אינו אומר זאת בדיבור בלבד... אלא מתוך **הכרה ואמונה** שכן הוא **באמת**! ומכיון שהקב״ה זן ומפרנס את העולם כולו במשך ה׳ אלפים תשמ״ג שנה ועוד כמה חדשים, הרי בודאי שלא תהי׳ בעי׳ עבורו לזון ולפרנס ילד יהודי נוסף!...

זאת ועוד: לידתו של ילד יהודי נוסף, המביאה בעקבותי׳ את המשכת ברכתו של הקב״ה לזון ולפרנס ילד זה – פועלת המשכת תוספת ברכה **לכל העולם כולו**,

כפי שרואים בטבע האדם – שכאשר מעוררים אצלו את מדת החסד כדי לעשות חסד לפלוני, הרי זה פועל גם בכללות הנהגתו גם ביחס לאחרים, כי בהיותו כבר בתנועה שמדת החסד היא **בהתגלות** (כתוצאה מההתעוררות ביחס לפלוני) – אזי משפיע הוא **לכל**, ואינו מדקדק לדעת עד כמה זקוקים לחסד זה, אלא השפעת החסד היא באופן שלמעלה מהגבלה כו׳, ועד **שמחפש** למי להשפיע.

ומזה מובן גם בנוגע להשפעת החסד שלמעלה – שכאשר מעוררים אצל הקב״ה את גילוי והשפעת החסד ביחס לילד יהודי נוסף (שנולד זה עתה), הרי זה מעורר תוספת גילוי והשפעת מדת החסד בכל העולם כולו, באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, ועד שמדת החסד שלמעלה מחפשת ויוצרת מקבלים שיוכלו לקבל את השפעת החסד כו׳.

וכפי שמצינו באברהם אבינו, שעניינו גילוי מדת החסד שלמעלה, כמארז״ל ״אמרה מדת החסד לפני הקב״ה מיום היות אברהם בארץ לא הוצרכתי לעשות מלאכתי שהרי אברהם עומד ומשמש במקומי״, היינו, שבהיותו בעולם שלמטה מילא את פעולתה של מדת החסד דאצילות – שהשפיע טוב וחסד **לכל**, אפיל לערביים, שהכניסם לביתו, האכילם והשקם וכו׳, ועד שכאשר לא הי׳ לו למי להשפיע טוב וחסד – הצטער כו׳, ועי״ז **פעל** אצל מציאותם של המקבלים – שהרי הקב״ה שלח לו מלאכים, כדי שיהי׳ לו למי להשפיע טוב וחסד.

וזוהי השליחות המיוחת המוטלת על נשי ישראל – לגדל בנים ובנות באופן ד״פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה״, ללא כל חשבונות כו׳, ועד שבכחה להשפיע על הבעל בענין זה.

**ל. משיחת ש״פ צו, פ׳ זכור, ה׳תשד״מ.**

**הנחה בלתי מוגה**

**א.** ומזה באים לנקודה נוספת בקשר להמוזכר לעיל אודות הענין ד״פרו ורבו״:

ישנם כאלו שעושים ״חשבונות״ בנוגע לקיום המצוה ד״פרו ורבו״, וזאת – מפני הקשיים הכרוכים בזה, צער ההריון וצער הלידה וכו׳.

ומוסיפים לעשות חשבון: מכיון שאמרו חז״ל ״ושננתם לבניך אלו התלמידים״ – ישנה עצה פשוטה כיצד לקיים את המצוה ד״פרו ורבו״ ללא כל קשיים: הוא יהי׳ ראש ישיבה, והיא תהי׳ מורה ומדריכה, ועי״ז יעמידו תלמידים ותלמידות (בנים ובנות) ללא כל צער כו׳, ואדרבה – יקבלו תשלום שכר עבור מילוי תפקיד החינוך!

הנה על זה אומרים לו: בענין של הלכה **למעשה** – אי אפשר לעשות ״פשט׳לאַך״, אלא צריכים לקיים את הדברים בפועל ממש. ובעניננו: המצוה הראשונה בתורה היא – ״פרו ורבו״, ולא זו בלבד, אלא עוד זאת, ״ומילאו את הארץ״, ויתירה מזו – ״וכבשוה״, וכל זה – **כפשוטו** ממש, ״אין מקרא יוצא מידי פשוטו״!

אלו שהקב״ה לא נתן להם את האפשרות לקיים מצוה זו (רח״ל) – הרי ״אונס רחמנא פטרי׳״ (ובפרט שבודאי קיימוה כבר בגלגול קודם כו׳); אבל אלו שהקב״ה נתן להם את האפשרות – צריכים הם לקיים מצוה זו בפועל ממש, ללא כל חשבונות!

ואין לטעון שמספיק עבורם להוליד שניים, בן ובת, שאז אינם מחסרים בעולם, בהשאירם אחריהם שניים במקומם – מכיון שתכלית בריאתו אינה רק שלא יקלקל, כי אם כדי **לבנות** עולמות, להעמיד בנים ובני בנים, שעי״ז נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית.

וכל זה מודגש עוד יותר כאשר נמצאים בעקבתא דמשיחא, שאז ישנו צורך מיוחד בענין זה, כדי למהר ולזרז את ביאת ״בן דוד״, כנ״ל.

**לא. משיחת אחרון של פסח ה'תשד"מ.**

**הנחה בלתי מוגה**

**א.** ...ועוד לפנ"ז – קיום הציווי "פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה" באופן שמקבלים את ברכתו של הקב"ה בלידת בנים ובנות מתוך שמחה וטוב לבב, ללא התערבות ע"י עשיית חשבונות כו', מתוך בטחון גמור בהקב"ה שיתן את הברכה באופן הטוב ביותר, הן עבור התינוק והן עבור האב והאם.

ובענין זה ישנה הוראה מהנהגת נשי ישראל שבזכותן נגאלו ממצרים:

נשי ישראל הצדקניות – לא התחשבו בגזירת פרעה, והעמידו בנים ובנות ללא כל חשבונות, ולכן סייע להם הקב"ה בכך שדאג בעצמו לפרנס את ילדי ישראל – כמסופר בגמרא שהקב"ה הי' "מלקט להן שני עגולין אחד של שמן ואחד של דבש, שנאמר ויניקהו דבש מסלע ושמן וגו'", ובאופן כזה הקימו בנים ובנות – "רבבה כצמח השדה נתתיך ותרבי ותגדלי ותבואי . . כעדרי עדרים", ודוקא ילדים אלו שנולדו בגלות מצרים – הם אלו שהכירוהו תחילה (כמסופר שם).

ועד"ז מובן בנוגע לימינו אלו – שאין להתחשב בגזירות של מצרים – מצרים וגבולים, ולדוגמא: החשבון מניין יקחו עבור פרנסת הבנים והבנות, גודל הדירה, וכיו"ב, שבהתאם לכך חושבים אם צריך להיות "כל הבן הילוד", או "היאורה תשליכוהו" רחמנא ליצלן, או לכתחילה להמנע מכך כו'. – יש לקיים את ציווי הקב"ה "פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה" ללא כל חשבונות, ומתוך בטחון גמור בהקב"ה שיתן את ה"כלים" הדרושים לקבלת ברכותיו.

ואף שבהיות בנ"י במצרים דאג הקב"ה לפרנסת הילדים באופן נסי ("מלקט להן שני עגולין כו'"), ואילו בימינו אלו לא רואים נסים גלויים בעניני פרנסה וכיו"ב – מ"מ, בודאי ובודאי נמשכת תוספת ברכה בפרנסה כפי שמלובשת בלבושי הטבע, וכפתגם הידוע שכאשר נולד תינוק אזי בא כיכרו עמו, ולא זו בלבד, אלא שעל ידו נמשכת תוספת ברכה בפרנסת **כל** המשפחה, וכל זה – נוסף על גודל הנחת-רוח והתענוג מכך שישנו ילד נוסף בבית.

ובכללות – ע"י ההנהגה באופן האמור, זוכים להמשכת ברכותיו של הקב"ה באופן של פריצת גדר, ועד שזוכים לפריצת גדרי הגלות, כדאיתא בגמרא שכאשר יכלו כל הנשמות שבגוף אזי "בן דוד בא".

**לב. משיחת יום שמחת תורה ה'תשמ"ח.**

**הנחה בלתי מוגה**

**א.** ...ויש להוסיף עוד ענין ב"לחיים" השייך במיוחד לנשי ישראל [ועד"ז בנות ישראל – שמחנכין אותן לתפקידן העיקרי עלי אדמות, להקים בית בישראל, בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוות] – שעל ידם נעשה הענין ד"**פרו ורבו**", כלומר, לא רק נתינת מאכל ומשקה לעני להחיות את נפשו, אלא יתירה מזה, שפועלים חיים חדשים לגמרי ע"י לידת בנים ובנות.

ומכיון דאתינן להכי, הרי כאן המקום לעורר עוה"פ אודות התפקיד והשליחות דנשי ישראל – על יסוד מארז"ל "בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים", ודוגמתו בדורנו זה, כדאיתא בכתבי האריז"ל שדור האחרון הוא הגלגול של הדור שיצאו ממצרים, **שהגאולה תבוא בשכר נשים צדקניות שבדורנו** – ללדת ריבוי בנים ובנות, "רבבה כצמח השדה נתתיך ותרבי ותגדלי ותבואי בעדי עדיים", "בעדרי עדרים", ללא שיקולים ודאגות בנוגע לפרנסתם, מכיון שהקב"ה נותן כל המצטרך להם, עד לאופן של הרחבה ותענוג, "ויניקהו **דבש** מסלע **ושמן** מחלמיש צור", ולגדלם ולחנכם ברוח התורה והיהדות, כולל ובמיוחד – עי"ז ש"עקרת-הבית" פועלת שהבית כולו יהי' חדור בקדושה ואלקות, שהקב"ה יאמר עליו "ושכנתי בתוכם" (כמדובר כמ"פ בארוכה).

**תרגום משיחה מוגהת**

**ח.** ויש לקשר זאת גם עם הפרשה דשבת זו, שהיא גם הפרשה דיום סיום אמירת קדיש [לאחרי הסתלקות הרבנית הצדקנית ע"ה] – "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה גו' ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד ותמלא הארץ אותם":

דוקא בגלות מצרים, "ערות הארץ", נתגלתה חיבתן של ישראל לפני הקב"ה (דרגא הכי נעלית), ועד לאופן גלוי לעיני כל עמי הארץ, ש"פרו וישרצו גו' ותמלא הארץ אותם".

ומזה הלימוד תמידי, כולל גם לימוד לדורנו, בגלות זה האחרון:

מבלי הבט על כך שבנ"י היו בגלות, וידעו אודות הגזירה שיהיו שם רד"ו שנה – לא התפעלו מזה ועשו כל התלוי בהם (לא רק להתחזק ולא ליפול ברוחם, אלא אדרבה – ) שיהי' "פרו וישרצו וירבו גו' במאד מאד", באופן של עלי' וריבוי יותר ויותר, וקבלו על זה ברכת ה' שיהי' כן בפועל, בפועל ממש.

וכן הוא גם בנוגע לגלות זה, שכל הגליות נקראו על שם מצרים – שמבלי הבט על המיצרים וגבולים וכו', צריכים יהודים לקיים בלי כל חשבונות ציווי השם: "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

ובפרט כאשר מתבוננים בהזדמנות היקרה והנעלית ביותר – להיות הורים לילדים יהודיים, והנחת רוח הגדולה שיש להקב"ה (נוסף לזה שמקיימים הציווי שלו) מזה שנולד עוד ילד יהודי!

[המשך הענין – מהנחה בלתי מוגה:]

ובפרט כשהילד מספר להוריו – בתמימות ובהתלהבות – שלמד ב"חדר" ש"בני ישראל פרו וישרצו גו' במאד מאד", וכטבעם של ילדים – מבקשים מהוריהם שיהיו להם עוד אחים ואחיות, ה"ז פועל על ההורים שיעשו כל התלוי בהם בקיום הציווי "פרו ורבו" ללא כל חשבונות, כדי שלא יצטערו אח"כ על שלא ניצלו את ההזדמנות היקרה שהיתה בידם.

[בהנחה אחרת – בלתי מוגה – נוסף:]

הלימוד התמידי מזה, כולל גם הלימוד בדורנו:

כשילד או ילדה באים הביתה ומספרים להוריהם מה שלמדו בחומש, הרי הם פועלים על ההורים יותר מאנשים מבוגרים ואפילו חשובים. ובענייננו: כשהילדים באים הביתה ומספרים להוריהם שלמדו איך ש"בני ישראל פרו וישרצו גו'", ובמילא הם רוצים עוד אחים ואחיות (כטבע של ילדים) – הרי זה מעורר את ההורים עוד יותר שיעשו כל התלוי בהם להוליד עוד בנים ובנות.

וכנראה לפעמים בזקן (או זקנה), שתופס את ראשו בידו **ונאנח**, על שהפסיד את ההזדמנות היקרה ("ער כאַפּט זיך באַם קאָפּ, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַזאַ העכסטער און טייערער געלעגנהייט צו האָבן וואָס מערער קינדער)..; זוג צעיר יש להם עדיין הזכות והאפשריות הכי יקרה לקיים את ציווי ה' ד"פרו ורבו ומילאו את הארץ", שעל ידי זה פועלים חביבות ונחת רוח להקב"ה, ונוסף לנחת רוח של הקב"ה מעצם הענין שמקיימים רצונו, הרי ניתוסף גודל הנחת מזה שנולד עוד יהודי בעולם!

## הוספה

**לד. ממכתב י"ז כסלו, ה'תשי"א.**

**תרגום חפשי כפי שנדפס בשערי הלכה ומנהג חלק ד' ע' כו**

**(מאגרות-קודש ח"ד ע' עו-עז)**

שואלת במכתבה, שהיות ויש לך שני ילדים שיחיו, והרופא ממליץ לך להשתמש באמצעי מניעה, ושואלת הינך את חוות דעתי בזה.

בוודאי ידוע לך, שבכלל אין ענין אמצעי המניעה תואם את השקפת התורה, הרואה בילדים ברכת השי"ת, בה מתברכים ההורים מאתו ית'.

כמו כן סבורה התורה, שאצל יהודים אינו קיים מצב פרטי, מכיון שכל יהודי הינו חלק מכלל עם ישראל, כך שכל עניניו ה"פרטיים" של היהודי יש להם השפעה על כל עם ישראל. ובפרט הדברים אמורים בנוגע לזמננו זה, לאחר הגזירות והשמדות רחמנא-ליצלן בהם נספו כל כך הרבה מליוני יהודים שנהרגו על קידוש השם.

בכל זאת, במקרה שהדבר נוגע לבריאותו של יהודי, גבר, אשה או ילד, שבריאותו של יהודי – כביטוי של הרמב"ם – הוא מדרכי עבודת השם יתברך, הרי שבמקרים **מסוימים** מכירה התורה באמצעים **מסוימים** של מניעה.

אלא שבזה קשה להביע דעה חד משמעית, מכיון שהדבר תלוי במידת הנזק הצפוי לאם כתוצאה מהלידה, וכמו כן הדבר תלוי באופן בו נעשית המניעה.

לפיכך הייתי מציע, שלאחר שתדוני בדבר פעם נוספת עם הרופא שלך, והוא יצביע על אופן המניעה שבדעתו להשתמש, תפני לרב, ותשמעי את דעתו בנדון.

**לה. ממכתב כ' תשרי, ה'תש"כ**

**נדפס באגרות-קודש חי"ט ע' כא-כב**

במ"ש אודות מניעה מהריון וכו'.

הרי תורתנו – מלשון הוראה – היא תורת חיים (כולל חיים לא רק בעולם-הבא אלא גם בעולם הזה, ואדרבה – הוא העיקר, שהרי לא בשמים היא) והענין דלחץ דם, מלבד שמשתנה מזמן לזמן ותלוי במצב ההתרגשות ובמצב רוח בכלל וכו' והיסח הדעת ממעט בזה כו"כ, הנה גם הרופא יסבירם אשר אלפים ואלפים בלחץ דם יותר על הרגיל, מולידים בנים ובנות באופן הכי טוב וכו'.

ונקודה העיקרית בהאמור, אשר כל התערבות מצד האדם בענינים כהנ"ל השייכים אך ורק לבורא עולם ומנהיגו, הרי זה היפך שכל הפשוט ולא רק היפך השקפת התורה, ויש להוסיף בזה עוד כמה נקודות ולא אביא רק שתים.

(א) מחובת דורנו זה, שכל אחד הוא כאוד מוצל מאש השמדות ל"ע ול"ע ר"ל, למלאות לא רק הנעשה על ידי אלו שנספו על קידוש השם, אלא עיקר הוא למלאות גם מספר בני ישראל כפשוטו.

(ב) בתקופתנו זו שכל אחד מחפש עילות ובנין אב אפילו באופן משונה, ובלבד להקל אורח חייו, יש חשש גדול שהנהגה האמורה תשפיע גם על אחרת לעשות כזה, שהרי אין מפורסמת הסיבה דלחץ דם וגם אין שואלים לסיבה והסברה וכו' כי אם מביאים ראיה מהנהגה בפועל.